STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04333

FONYE GANEV

Avraham Zak

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם זאַק

„פּאַניע גנב"

(אַ כראָניק)

This book once owned by a South African
reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight
the flame of Jewish life and learning.

פאַרלאַג א. גיטלין, ווארשע

1929

„Fonie Ganew“
(Notatki)
Abrahama Zaka
Wyd. E. Gitlin
Warszawa

Printed in Poland

Druk: Sz. Sikora i I. Milner Warszawa Nowolipki 6.

קאפיטלען:

		זייט
I	אין פאלק אריין	5
II	דער ערשטער טאג	10
III	קאזארמע־גיהנום	16
IV	„גא שטיקי" מיט די גלאנציקע לעפל...	26
V	מען זינגט לידער...	30
VI	אין לאזארעט	34
VII	מארוסיא	37
VIII	מ'נעמט זיך צו מיר...	41
IX	אין טעג פון רו	47
X	„זכרונות" פון א פאגראם־העלד	56
XI	די „דינסט־מיידן" פון ראטע	60
XII	אין קארנאוואל	66
XIII	די „דריי זיילן"	70
XIV	אין א סדר־נאכט	76
XV	דער „ביעגאם" לכבוד פריל־נג...	82
XVI	אין הויפטוואכט	85
XVII	אויף „דאטשע" אין... לאגער	90
XVIII	כ'זע ווידער מארוסיאן	97
XIX	איך גרייט זיך אין וועג ..	100
XX	איך פאל אונטער דער משא...	102
XXI	א נאכט פון וואלסן...	106
XXII	איינמאל א זונטיק...	109
XXIII	אין חד־גדיא...	116
XXIV	אונטערן קלימפער פון קייטן...	123
XXV	די קאצן־מוזיק אין ראטע...	126
XXVI	די שטראף פון מיליאנען...	129

1. אין פאָלק אריין

דער לעצטער הארבסט פאַר דער וועלט-שרפה.

כ'האָב זיך געמוזט צושטעלן צו „דערפילן דעם חוב" אַלס בירגער פון דער ברייטער רוסישער אימפעריע.

נאָך אַ צען מאָל אויסטאָן-זיך פאַר כלערליי מיליטערישע מעדיצינישע קאָמיסיעס האָט מען געפונען, אַז — „גאָדיען!"... כ'בין, הייסט עס, ראוי צו באַשיצן דאָס „פאָטערלאַנד" און דעם „צאַר באַטיושקאַ"... טאָמער האָט איינער אַ מיליטער-ארצט גע-פונען עפעס אַ שטיקל חשש צוליב בלאַסקייט, צי כדומה, האָט אַ צווייטער אין אַ „קנעפל" איבערגעהאַקט:

— ניטשעווא, קאַשאַ פאָפראַוויט! (1

ס'העלפט נישט. האָב איך געמוזט זיך פאַרשאַפן אַ היל-צערן ברוין-געפאַרבט קעסטל, אָנגעשריבן דערויף מיין נאָמען און פאַמיליע — ווי אַלע רעקרוטן טוען — און זיך געשטעלט צום באַשטימטן טאָג אין „סבאָרני פונקט".

1) נישקשה, די קאַשע וועט אים פאַרבעסערן.

אַ ריזיקע ווייסע געביידע. אַ הו-האַ, אַ יריד פֿון יונגע חברה-לייט. „נאָוואָבראַנצעס“ האַלב-שיכּורע, אין גלאַנציקע שטיוועלעך, מיט גלאַט-אָפּגעשוירענע קעפּ. אַ געמיש פֿון דאָרפֿס-פּויערים און יידישע פּנימער. עפּעס אַ פּאָר „נאָוואָבראַנצעס“ טראָגן שוין אַפֿילו קאַזיאָנע היטלען. מ׳פֿילדערט, מ׳שטעלט-אויס אויפֿן הויף, מ׳גרופּירט.

לסוף פֿאַל איך אַריין אין אַ גרופּע פֿון אַ צוואַנציק מאַן, וועלכע מ׳טיילט-אויס באַזונדער: מיר זענען באַשטימט געוואָרן קיין זשיטאָמיר אין אַ פּיעכאָטע-פּאָלק.

אַ סאָלדאַט פֿירט אונז אַוועק צו דער באַן.

אין אָפּגעזונדערטן קופּע פֿון לעצטן וואַגאָן, וואו מ׳האָט אונז אַריינגעפּאַקט, ווער איך געוואויר, אַז צווישן אונז זענען פֿאַראַן בלויז אַ דריי יידלעך. אַלע דריי האַלטן זיך גוט-ברודעריש צווישן זיך. אַפּנים, חברים פֿון דערהיים. ווי נאָר דער צוג האָט גענומען רירן, האָט איינער פֿון זיי אַראָפּגענומען פֿון אויבן זיין קעסטל — גראָד אַ געניצטע, אַן „אויסגעדינטע“, מסתּמא אויפֿן „טאָלקוטש“ געקויפֿט, — אַרויסגענומען פֿון דאָרט אַ פֿלאַש „פּערציקער“ און מ׳האָט זיך גענומען זופּן פֿון העלזל... מ׳האָט מיר אויך אונטערגערוקט די פֿלאַש. כ׳האָב באַדאַנקט און דערקלערט, אַז כ׳טרינק נישט. מיין דערקלערונג האָט אַרויסגערופֿן אַ געלעכטער ביי זיי.

— אַ שיינער סאָלדאַט! — האָט איינער אויסגערופֿן, — אַז מ׳גייט חתונה האָבן מיט „פּאָניען“, מוז מען קאָנען די מלאכה...

— פֿון פֿלעשל אין העלזל!... — רופֿט אויס אַ צווייטער און טוט זיך דערביי אַ פּיק מיט די פֿינגער אין גרגרת אַריין.

כ׳האָב מיך באַלד פֿון דער ערשטער רגע אָן דאָ דערפֿילט ווי אַ פֿינפֿטער ראָד צום וואָגן. וויפֿיל כ׳האָב זיך נישט באַמיט צו ווערן היימישער מיט מיינע חברים-„נאָוואָבראַנצעס“, איז מיר נישט געלונגען. שוין מיינע קליידער האָבן מיך שטאַרק

אונטערשיידט פון זיי אַלעמען. ערשטנס, בין איך געפאָרן אין שיך, נישט אין שטיוול; צווייטנס, — און דאָס איז געווען דאָס ערגסטע! — האָב איך געטראָגן לאַנגע האָר, אַ שוואַרצע בינדע און אַ רעמבראַנד־הוט (די ראָמאַנטישע צייטן!...), גלייך ווי אַקאָרשט פון רעדאַקציע אַרויס... און דידאָזיקע הלבשה מיינע האָט מיך שטאַרק אָפּגעפרעמדט פון אַלעמען אין וואַגאָן.

אַז מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ געוויסע שטרעקע, האָט מיר איינער פון די דריי יידלעך גענומען זאָגן „מוסר״, אַז נישט אַזוי פאָרט מען אין אַ קאַזאַרמע. דער עיקר האָבן אים געאַרט מיינע האָר.

— דו פאָרסט אין ראָטע ווי אַן אמתער פּאָפּ! נאַ, זע! — טוט ער מיר אַ ווייז אויף זיין נאַקעטן קאָפּ: — אַז איך וועל נאָר אָנטאָן אַ מונדיר, בין איך אַ פּאַרטיקער סאָלדאַט, און דו?...

כ'האָב דערשפּירט אַן אומהיימלעך געפיל: מען איז שוין מיט מיר באַצייטנס פער „דו״...

— נישקשה, — מישט זיך אַריין אַן אַנדערער, — אין קאַזאַרמע וועט מען אים מאַכן פאַר אַ מענטש. מ'וועט אים די קודלעס אַראָפּנעמען ווי ביי אַ שעפּס.

דער ערשטער איז נישט געווען פויל און האָט מיר עק־סטרע אויפגעעפנט זיין קעסטל און געוויזן, וואָס ער פירט אַלץ מיט. אין קעסטל ביי אים איז טאַקע געווען אַלצדינג, אין וואָס אַ סאָלדאַט קאָן זיך נויטיקן, אפילו געלער וואַקס צום פּוצן די מעשענע קנעפּ פון מונדיר און שינעל...

— מאַלאַדיעץ! — טו איך אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע, וועלנדיק ווערן אַביסל היימישער צווישן דידאָזיקע חברה־לייט, — איר וועט אוודאי זיין דער ערשטער אין ראָטע.

— און וואָס פירסטו דאָרט אין קעסטל? — פרעגט ער מיך מיט אַ באַהאַלטענער איראָניע.

— ווייס איך וואָס... קלייניקייטן... אַ פּאָר ביכער...—האָב איך גענומען שטאַמלען און זיך פאַרשעמט פאַר לערמאָנטאָוון,

וואָס איז גראָד געלעגן אין צוויי געזאַמלטע בענדער אין מיין קעסטל.

— כאַ-כאַ-כאַ! — האָבן אַלע אויסגעפּלאַצט אין אַ מגושמ־דיק געלעכטער. — ביכער גאָר! וואַרף עס בעסער אַרויס דורכן פענסטער!...

דער צוג שניידט זיך דערווייל אַלץ ווייטער און ווייטער אין מרחקים. עס בייטן זיך סטאַנציעס נאָך סטאַנציעס. אונזער קו־פּע איז פול מיט אַ געדיכטן רויך-נעפּל פון ביליקער מאַכאָרקע, וואָס אונזערע „חברים", די פויערים, פירן-מיט פון דאָרף. מען טרינקט ווידער פון פלעשל. יעדעס מאָל נעמט אַן אַנדערער אַרויס פון זיין קעסטל און מ׳איז איינע די אַנדערע מכבד. דער עולם ווערט בגילופינדיק. עס דערהערן זיך טענער. פריער זינ־גען די פויערים. גראָבע משונהדיקע קולות צעטראָגן זיך און מישן זיך אויס מיטן רוישן פון די צוג-רעדער.

אוי דאַנאַ—דאַ—נאַ, אוי דאַ—נאַ, דאַנאַ, אוי—נאַ!
אוי דאַנאַ—דאַנאַ...

אינמיטן הויבן אויך אָן די יידן צו זינגען, — גראָד עפּעס אַ רעקרוטן-ליד, וואָס כ׳האָב עס שוין ערגעץ-וואו געהערט. אַלע ווילע פאַרגייען זיך אַלע אין רעפריין:

אוי פאַניע, פאַניע גנב,
פאַניע, פאַניע ג—נב — — — —

מ׳ווינקט צו מיר, כ׳זאָל אויך זינגען. כ׳צווינג זיך צו האַלטן היימישער און נעם אויך שאָקלען פון יוצא-וועגן מיט די ליפּן...

אויפן האַרצן איז מיר אָבער געוואָרן היבש קאַלעמוטנע. וואוהין פאָר איך עס? און מיט וועמען? כ׳קוק אויף די דריי זינגענדיקע יידלעך: צוויי זענען פון דערהיים פּורמאַנעס און איינער איז אַ דאַמען-שניידער. און נאָכמער: אַלע דריי קוקן אויף מיר פון אויבן אַראָפּ ווי אויף עפּעס אַ שלימזל...

א געדאַנק האָט מיר אַ בליץ-געטאָן:

„אפשר זאָל איך ביי דער ערשטער בעסטער סטאַציע אַראָפּגיין און — היידאַ אויף יענער זייט גרענעץ?״...

ס׳האָט מיך אָבער אָפּגעהאַלטן די האָפנונג, צוליב וועל־כער איך פאָר, אייגנטלעך, אין פּאָלק אַריין: באַפרייט ווערן אַלס „ערשטער לגאָטניק״. וואָרום ווען נישט דידאָזיקע האָפנונג, וואָלט איך גאָר באַלד דעם „דישעל״ ערגעץ אַנדערש אויסגעדרייט... כ׳האָב אַפילו גאָרנישט בדעה געהאַט אָפּצוגעבן „פּאָניען״ דריי בעסטע יונגע יאָרן פון מיין לעבן. פאַר וועלכע מעשים טובים קומט עס „אים״?... פאַר זיינע שיינע אויגן?... זאָל איך „אים״ דאַנקען פאַר מיין רעכטלאָזיקייט?... בפרט, אַז כ׳בין אַ כשרער „ערשטער לגאָטניק״ און ביי נישט-יידן קריגט אַזאַ איינער דעם „בלויען בילעט״ אין שטוב אַריין!

אַזוי האָב איך געטראַכט און באַרעכטיקט מיין ווידערווילן צו דער איצטיקער נסיעה מיינער.

דער צוג האָט זיך אַלץ דערווייטערט פון דער היימישער ליטווישער ערד. די פרעמדע שטעט און דערפער האָבן זיך גע־טוישט ווי אויפן עקראַן. וועלדער האָבן געפינסטערט און פעלדער האָבן זיך געצויגן אין הארבסטיקער וויסטקייט און פאַרלאָזנקייט... דער שלאַנגענדיקער רעלסן-וועג האָט זיך געוויקלט אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג...

— טראַ-טאַ! טראַ-טאַ! טראַ—טאַ! — — — —

אַ טאָג, אַ נאַכט, און ווידער אַ טאָג און ווידער אַ נאַכט.

מיר זענען לסוף אָנגעקומען אין דער וואָלינער רעזידענץ.

II. דער ערשטער טאָג

ס׳איז געווען אַ ווינטיק-קאַלטער פּרעסטלדיקער נאָוועמבער-אָוונט.

מיר האָבן זיך געלאָזט מיט די קלומיקעס אויף די פּלייצעס איבער די גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט. מיר האָבן געזוכט אַ נאַכט-לעגער און זיך לסוף אָפּגעשטעלט אין עפּעס אַ ביר-שענק. קיין בעטלעך זענען דאָ נישט געווען, בלויז לאַנגע ברייטע בענק אַרום דער וואַנט.

כ׳בין געלעגן אויף אַ האַרטער באַנק, נישט אויסגעטועטערהייט, איבערגעדעקט איבערן קאָפּ מיט מיין מאַנטל, און אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג... זשיטאָמיר! ביי מיר האָט דאָסדאָזיקע וואָרט אַן אַנדער קלאַנג. דאָ איז דאָך אַמאָל געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דער יידישער השכלה... און איך בין גאָר געקומען אַהער אין פאָלק אַריין...

מיינע „חברים” זענען שוין דערפאַר פאַר מיר אויך געשלאָפן... קעגנאיבער מיר איז געלעגן אויסגעצויגן איינער פון די צוויי פורמאַנעס מיט אַן אָפן פינסטער מויל, ווי אַ שוואַרצ-

נאָרע, און געכראָפּעט אויף אַ משונהדיקן אופן, גלייך ווי עמע צער וואָלט אים כסדר געהאַלטן אין ווערגן... איין מגושמדיקע האַנט איז אים אַראָפּגעהאַנגען אונטער דער באַנק ווי אַ פרעמדע, ווי אַ טויטע, און אין דערדאָזיקער פּאָזע איז ער אַזוי אָפּגע־לעגן אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי האָט ער דורכגעשווענקט דעם האַלז מיט אַ „כוסה" און ס'איז גאָרנישט קענטיק געווען, אַז דערדאָזיקער פּאַרשוין איז אַזאַ „בעל תוקע" מיטן גאָרגל...

— נו, זעמליאַק! — ווענדט ער זיך צו מיר ביים פרישטיק, — זיי נישט אַזוי פאַרדאגהט! נאַ, מאַך אַ שנאַפּס, אַז דער רוח זאָל עס נעמען!...

— אויפן ניכטערן האַרצן טרינק איך אוודאי נישט... — ענטפער איך.

— אַ שנאַפּס איז שטענדיק גוט, אַפילו אינמיטן נאַכט...

— ס'האָט זיך אייך, אַפּנים, געחלומט שנאַפּס די נאַכט: איר האָט זייער געשמאַק געכראָפּעט...

— מיר האָט זיך גאָר געחלומט, אַז איך פּאָר גאַלאָפּ רייטנדיק אויף מיין פערדל. זאָל זיך אים גרינג שלוקעכצן דאָרט אין שטאַל...

דער פרישטיק־טיש אין שענק איז געווען פול אויסגע־לייגט: ברויט, הערינג, וואורשט, ביר, בראָנפן. עולם האָט גע־קייט אויף אַלע באַק־ציינער.

— דער לעצטער פרישטיק פון אייגענער פּראַצע... — וויצלט זיך דער דאַמען־שניידער, — מאָרגן עסן מיר שוין פון פּאַניעס „קעסט"...

און ווידער געטרונקען.

— לחיים!

— לחיים!

איך בין געזעסן אָן אַ זייט און געזופּט מיין בלאַס גלעזל טיי...

זייגער 8 זענען מיר אַוועק מיט די קעסטלעך אויף די

פלייצעס אין די קאַזאַרמעס פון 17-טן אַרכאַנגעלאָגאָראָדסקי פיעכאָטע-פּאָלק אויף מאָסקאָווסקאַיאַ.

בררר... קאַלט אין די ביינער. נישט אויסגעשלאָפן. עס איבלט עפּעס פון אַלץ און פון אַלעמען...

געקומען.

מיר בלייבן אויפן הויף פון די קאַזאַרמעס. עס נעמען זיך פאָרען אַרום אונז סאָלדאַטן — קאַנצעלאַריע-שרייבערלעך. מ׳מאַכט די „ראַזביווקאַ"1). מ׳שטעלט אונז אויס אין באַזונדערע שורות לויט דער הויך. מ׳שרייבט אָן מיט קרייד ביי יעדערן אויף דער פּלייצע אַ ציפער — צו וועלכער ראָטע. אויף מיין פּלייצע שרייבט מען אָן אַ 9 — ניינטע ראָטע. עס פרייט מיך זייער און זייער! מיט מיר צוזאַמען פאַלט אַריין אין דערזעלבער ראָטע ב. ויז איין יידל פון די דריי, אַ פורמאַן — פאַיאַס הייסט ער, — טאַקע דערזעלבער, וואָס האָט שוין מיטגעפירט געלן וואַקס צום פוצן די קנעפּ. ביים דורכפירן פאַרשיידענע פאָרמאַליטעטן הער איך, אַז מיין לאַנדסמאַן איז אפילו נישט קיין „גראַמאָטנער"...

מיר זענען אַריין אין אַ קאַזאַרמע. אין די לאַנגע ריזיקע חדרים איז פּוסט. אַפּנים, דער עולם איז אַוועק אויף „זאַניאַ-טיעס"2). כ׳הויב מיר אָן אַרומדרייען איבער די גרויסע אומ-געלומפּערט-אויסגעצויגענע רוימען. עס קומט מיר אַנטקעגן דער „ראָטני" — אַ קאַפּיטאַן לויטן ראַנג — צוזאַמען מיט אַ געל-וואָנסיקן „וואָלני-אָפּרעדיעליאַיושטשיסיאַ" 3). מ׳נעמט מיך אויס-פרעגן — אַפּנים, מיין באַזונדערער הילוך האָט זיי פאַראינטערעסירט.

— טשעם זאַנימאַליס 4)? — פרעגט מיך דער „ראָטני" גראָד נישט אויף „דו"...

---

1) פאַנאַנדערטיילונג אין די ראָטעס.

2) איבונגען.

3) פריווילעגירטער.

4) מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט?

— אין אַ רעדאַקציע.

— אַ זשורנאַליסט? — צעשמייכלט ער זיך פאַרוואונדערט.

— יאָ.

— אויב אַזוי, ווען מיר דאָ קענען אַרויסגעבן אַ צייטונג... — זאָגט ער צום פרייווויליקן אין שפּאַס.

— יאָ, — רוף איך זיך אָן צום „ראָטני", — אויב איר וועט זיין רעדאַקטאָר, וועל איך זיין מיטאַרבעטער...

אַ געלעכטער.

דער „ראָטני" און זיין באַגלייטער האָבן מיך נאָך עפּעס אויסגעפרעגט און — אַ מאָדנע זאַך! — מיין שטימונג איז געוואָרן אַביסל אויפגעהייטערט. נישקשה, נישט אַזוי שרעקלעך!

די ראטע איז אָנגעקומען פון גאַס — מ'איז עס געוועז אויף „פּראגולקא"1), און עולם סאָלדאַטן איז געווען פאַררויטיקט און דערהיצט. ס'איז געוואָרן אַ געוואַלדיקער טומל, אַ יריד. ס'האָט זיך צעטראָגן אַ באַזונדערער ריח. ס'האָט געשמעקט מיט אמתער „סאָלדאַטשינאַ"...

דער „ראָטני" איז פון מיר אַוועק און צוזאַמען מיט אים די קורצע, אַזוי ווייניק-דויערנדיקע ערשטע גוטמוטיקייט, וועלכע כ'האָב שוין מער אין ראטע קיינמאָל נישט אָנגעזען...

מיך מיט מיין „זעמליאַק" און נאָך אַ פּאָר אַנדערע פרישאָנגעקומענע האָט מען באַלד אַריינגעפירט צום קאַפּטינאַרמוס אין שפּייכלער. דער קאַפּטינאַרמוס,—אַ פעט-אויסגעפּאַשעטער, אַן אָנגעפּרעסענער, מיט קליינע פאַרגאָסענע אויגעלעך און גראָבע, פעטע באַקן — אַלץ אויפן חשבון פון דער ראטע... — האָט אונז אַרויסגעגעבן קאַזיאָנע מלבושים. כ'קוק אָן די זאַכן, ווערט מיר קאַלט אין אַלע איברים: עפּעס אַן אַלט-פאַרלאַטעטער מונדיר, און שטיוול — שרעקלעך גרויסע, מיט אומגעלומפּערט-ברייטע כאַלעוועס. כ'טו אַ מעסט-אָן — זיי פאַלן פשוט פון די

---

1) שפּאַציר.

פיס אראפ. בעט איך אנדערע, קלענערע, גיט ער מיר אזעלכע קליינע, אזעלכע שמאלע — ממש קינדערישע, וואס הויבן גאר־נישט אן צו קריכן אויפן פוס.

— די זענען שוין צו קליין, — זאג איך.

דער קאפטינארמוס צינדט זיך אן ווי א פייער. די קליינע אויגעלעך ווערן אים נאכמער פארלאפן פון רויטקייט און ער צעבייזערט זיך:

— קיין זאך טויג אים נישט! די — צו קליין, יענע — צו גרויס. נא, אט האסטו דיר!

און ער טוט מיר ווידער א שמיץ די ערשטע, די וויארסטיקע שטיוואלעס.

— אבער ווי וועל איך זיי קאנען טראגן? — פרואוו איך זיך ווייטער.

— שווייג, דו סעריאק 1) איינער! — טוט ער א דונער מיט זיין באס־קול: — אין קאזארמע זענען נישטא קיין „היהקעס". פראנטעווען גאר ביסטו אהערגעקומען?

נאכדעם האט מען אונז געפירט אין באד אריין. איטלע־כער האט געטראגן זיין פעקל קאזיאנע מלבושים און אין באד האט מען זיך שוין געדארפט אנטאן מעשה־סאלדאט. ביי דער באד האב איך, אגב, געהאט די געלעגנהייט זיך ארייננצוכאפן אין א פריוואטע פאריקמאכעריי און זיך לאזן אפשערן מיט א מאשינקע. שנעל, שנעל זענען געפאלן אויף דער פאדלאגע פאסמעס פון מיינע לאנג נישט געשוירענע „ליטעראַרישע" האר...

כ'האב בעת־מעשה געלאכט פון זיך אליין אין געדאנק:

„א חסידישע כלה טוט עס נאך דער חופה, און איך ביי דער „פארקנסונג" מיט „פאניען"...

אז כ'האב שפעטער אנגעטאן מיינע „קאזיאנע" מלבושים און א קוק געטאן אין א שפיגל, האב איך זיך נישט דערקענט:

---

1) גרויער, פריץ.

מיין גאַנצע מענטשלעכע פיזיאָנאָמיע איז פון מיר פאַרשוואונדן געוואָרן. די רויטע „אָקאָלאָזשקע״ פון מיין „פוראַזשקע״ 1) איז געווען אַ שאַרפע סתירה צום בלאַסן פנים, וואָס איז נאָך בלאַ-סער און קרענקלעכער געוואָרן אין די לעצטע טעג. היינט דער צעקנייטשטער לאַנג-„אויסגעדינטער״ מונדיר מיט די לאַטעס! די ברייטע גרינלעכע, געלאַטעטע הויזן! היינט די שטיוול! טאַטע דערבאַרימדיקער, ס׳אַראַ שטיוואַלעס! כאָטש נעם-צו אַ שכן... אפשר אַ פוד וועגן זיי. פונוואַנען נעמט מען עס אַזאַ גראָבן האַרטן לעדער — ממש בלעך! אַחוץ אַלעמען האָט זיך פון זיי געשפירט אַ שאַרפער, ביטערלעך-זויערער ריח — אַן אמתער „פאָניע״-ריח... בלויז מיין שינעל, — כאָטש אַ צו-ברייטער, נישט אויסגעפּאַסטער, מיט אַ מאָסע פאַלדן פון הינטן, — איז געווען אַ שפּאָגל-נייער, מיט פלאַמיק-רויטע שליפעס אויף די אַקסלען און אַ גאָלדיק-געלן בולטן „17״ דערויף.

---

1) היטל.

III. קאַזאַרמע־גיהנום

עס האָט זיך געשטעלט אַ קאַלטער, אומהיימלעכער ווינ־טער מיט שאַרפע, שניידיקע ווינטן, מיט טיפע שנייען און שטאַרקע פרעסט.

אין קאַזאַרמע האָט מען די יונגע סאָלדאַטן — אָדער די „סעריאַקי״, ווי די אַלטע פלעגן רופן, — פעסט גענומען אין דער אַרבעט. מ׳האָט כסדר געלערנט און דרעסירט, געלערנט און דרעסירט אָן סוף און אָן אויפהער.

וועקן פלעגט מען נאָך אַ שטיק אין דער נאַכט, זייגער פיר, ווען העננער אפילו שלאָפן נאָך מיט אַראָפגעלאָזטע קאַמען אין די וואַרעמע ווינקעלעך.

— ווסטאַ—אַ—אַט! — פלעגט זיך דערהערן אַ גראָבער קול פון „דניעוואַלני״. און דער שלאָפנדיקער עולם פלעגט זיך באַלד מוזן מיט געוואַלט אויפטרייסלען.

אין צען־פופצען מינוט פלעגט מען זיך מוזן אָנטאָן, איינ־וואַשן זיך און שטעלן זיך צום „סמאָטר״ — יעדער איינער אין זיין „ווזוואָד״. ביים „סמאָטר״ פלעגט מען איטלעכן בודק־זיין און

גוט אַרומקוקן, צי אַלץ איז „פּאָ אוסטאַוואו״: צי דער מונדיר און הויזן זענען גאַנץ, צי די מעשענע קנעפּ גלאַנצן, צי די קוילן-טעשלעך זענען נישט צעריסן, צי די „פּאָרטיאַנקעס״ 1) אויף די פיס זענען נישט שמוציק (פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט שקאַרפּעטן, האָט מען נישט געהאַלטן...), צי אין די אויערן איז נישטאָ קיין בלאָטע, צי אין די קעסטלעך הערשט אָרדנונג, צי די ביקסן זשאַווערן נישט, וכדומה.

אַמאָל פלעגט דער „וזוואָדני״ אַ קאָמאַנדעווע טאָן:

— שטאַני דאַלאָי... 2)

ס׳האָט געהייסן, אַז מ׳מוז תיכף פאַנאַנדערקנעפּלען און אַראָפּלאָזן די הויזן און דער „אָטדיעלאָני״ פלעגט זוכן און גראַבלען אין די פעלדעלעך און אין די נעט, צי איז דאָרט נישט אָנגעקליבן קיין שמוץ...

און איז וואָס ביי עמיצן נישט געווען ווי עס געהער צו זיין, האָט יענער געקריגן, אַלס פּסק, „נאַריאַדן״ 3): שטיין ביי-נאַכט נאָך „זאַניאַטיעס״ אַלס „נאָטשנאָי״, אָדער צוויי שעה אונטער דער ביקס, צי גאָר ווערן אויסער דער ריי אַן „אָטשע-רעדנאָי״ — ס׳הייסט די „דינסט-מויד״ פון ראָטע...

הייַנט ווי איז דען מעגלעך געווען צו זאָרגן, אַז אַלצ-דינג זאָל זיין אין אָרדנונג, בעת ס׳האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געקלעקט צו כאַפּן דעם אָטעם אין די שווערע פייַנלעכע טעג פון כסדרדיקע אַרבעט און איבונג. פלעג איך טאַקע כאַפּן אָפטע „נאַריאַדן״. מילא, זיין אַ „נאָטשנאָי״ ביינאַכט איז נישט געווען פון די שרעקלעכע זאַכן. מ׳דרייט זיך אַרום מיטן שטיק ביים זייט צווישן כראָפּענדיקן עולם און מ׳טוט גאָרנישט. בלויז וואָס מ׳שלאָפט נישט אַ נאַכט... שטיין ווידער אונטערן ביקס

---

1) אָניצעס אויף די פיס.
2) די הויזן אַראָפּ!...
3) שטראָפן, פליכטן.

איז אויך נישט געפערלעך. מ'שטייט איבער ווי עס איז די צוויי שעה. אמת, די קני ברעכן זיך פון שטיין ווי א סטרונע אין איין פאזיציע; אבער פאראן נאך ערגערע זאכן... דאס ערגסטע איז צו זיין אן „אטשערעדנאי" — די „דינסט-מויד" פון ראטע... פון „זאניאטיעס" באפרייט עס נישט, און יעדע פרייע רגע, — אפילו די צוויי פרייע מיטאגס-שעהן, — מוז מען אוועקגעבן אויף וואשן, רייניקן, שייערן, טראגן די „פא-ראשא" 1) אמאל 10 א טאג, וכדומה.

באלד נאכן „סמאטר" איז געגעבן געווארן א 15 מינוט צייט אויף „קיפיאטאק". מ'האט געברענגט פון קיך ריזיקע טשיי-ניקעס טיי, פאנאנדערגעטיילט צו „סקיבקעס" קאזיאנעם שווארץ-ברויט, און זיצנדיק אויף די ארויסגערוקטע קעסטלעך פון אונ-טער די נארעס, האט מען געביסן און געזופט, געביסן און גע-זופט פון פארביקע, עמאלירטע טעפעלעך.

נאכן דאזיקן „פרישטיק" פלעגט זיך דערהערן די קאמאנ-דע: „סטראאיטסיא!" מ'האט זיך תיכף אויסגעשטעלט, פלינק גע-דרייט מיט די קעפ אויף „פערווי — ווטאראי! פערווי — ווטא-ראי!" — און ארויס אויף „פראגולקא", אויפן ערשטן „שפאציר" הייסט עס...

אין גאס איז נאך חושך, שטאק-פינסטער. קיין סימן נישט פון טאג אויפן הימל. פון צווישן די וואלקנס ווינקען נאך וואו-נישט-וואו קאלטע, מאטע שטערן. מ'קריכט דורך נאכטיקע גאסן און מ'טרעט-אויס די ערשטע טריט-צייכנס אויפן שניי. מ'קומט אויפן „זשיטני באזאר" און א לאנגע צייט שטייט מען און מען ווארט, עס זאל נעמען עטוואס ליכטיקער ווערן. דער פראסט כאפט פאר די פיס און דער שטייענדיקער עולם צעטאנצט זיך אויף די ערטער פון איין פוס אויפן אנדערן.

---

1) צעבער צו שמוץ.

און פלעגט נאָר נעמען טאָג ווערן, פלעגט מען זיך באַלד נעמען צו אונז.

מיין לערער, וועלכער האָט מיך געלערנט מאַרשירן, איז געווען אַ גרוזינער, אַ צוויי-בענדלדיקער, אַן אונטעראָפיציר. ער איז געווען זייער אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ לענגלעך רויט און צעפּאָקט פּנים און שוואַרצע, אייביק בייזע, גליענדיקע אויגן. דער דאָזיקער גרוזין פלעגט נעמען אין זיין רשות מיין „ווזוואָד" און ס'פלעגט אָנהייבן אַ מאַטערניש, אַ יאָגעניש און אַ פּלאָגעניש. נישט קוקנדיק אויף דער קעלט, פלעגט מען זייער גיך זיך באַגיסן מיט שווייס איבערן גאַנצן קערפּער... און וואָס מער פאַרמאַטערט מען איז געווען, אַלץ עפּטער האָט ער געקאָמאַנדעוועט: „ביעגאָם!" און געטריבן דאָס יונגוואַרג ווי די רוחות. איז נאָך ווייניק געווען דאָס לויפן הין-און-צוריק, האָט ער באַפוילן צו דרייען זיך, לויפנדיק, אין אַ קרייז — אַזוי אַז עס האָט פּשוט פאַרפעלט אָטעם. איינמאָל בין איך ביי אַזאַ געדריי פּשוט אומגעפאַלן פון גליטשיקייט — האָט מיר מער נישט געפעלט!

— סלוזיט ניע כאַצעס אָטעצעסטוואו? — איז ער צו מיר צוגעלאָפן און געדונערט אויף זיין גרוזינישן אַקצענט. — יאַ טעבע פּאָקאַזו!...1)

און מיט אמתן סאַדיזם האָט ער מיך גענומען יאָגן נאָך אין אַ פיל קלענערן קרייז, געיאָגט און געטריבן: „ביעגאָם! ביעגאָם!" אָן אויפהער אָן סוף — אַזוי אַז כ'בין ווידער אומגעפאַלן... און ווידער דאָס אייגענע יאָגעניש אינם קרייז. דאָס יאָגעניש האָט גאָר קיין ברעג נישט געהאַט, פּונקט ווי דער קרייז גופא...

דער דאָזיקער גרוזין האָט געהאַט אַ באַזונדער שוואַכקייט צו פייניקן יידן, און די פּאָר יידן, וואָס זענען צו אים אַריינ-

---

1) ווילסט נישט דינען דעם פאָטערלאַנד? איך וועל דיר ווייזן!

געפאלן ביים מארשירן, האבן פון אים שטענדיק געהאט גע־ ברענטע צרות. איינמאל אין א זונטיק־טאג, א שטייגער, קומט ער צו צו מיר כלומרשט ,אין גוטן מוט״ און פרעגט:

— סקאזי, פאצעמו טוואן פרעדקי אובילי כריסטא ?... 1)

— כ׳בין דערביי נישט געווען... — ענטפער איך אין שפאס.

— עך, ווי זידי! —טוט ער מיר א רוק־אונטער א געביילטע פויסט. דאס שטענדיק־רויטע פנים זיינס איז נאך מער צעצונדן געווען פון זונטיקדיקן בראנפן און רציחה.

כ׳וואלט בעת־מעשה געשוואוירן, אז ביי זיך אויף קאזו־ קאז, ביים קאזבעק דארט, האט ער שוין אין זיין לעבן נישט איין מענטשן אדורכגעשטאכן די ברוסט מיטן קינזשאל. כ׳האב עס געזען אין דעם ווילדן פייערל פון זיינע גיהנומדיקע אויגן...

און ווייל כ׳פלעג אים אמאל ענטפערן — נישט ביי „זא־ ניאטיעס״, חלילה — מיט א מענטשלעך לשון, אביסל שטאלצער ווי אנדערע — פלעגט ער מיר דערפאר ביים מארשירן שענקען מער „אויפמערקזאמקייט״ ווי אלעמען אין „ווזוואד״, און מיין גיין, מיין שטיין, מיין לויפן — אלע מיינע באוועגונגען ביים מארשירן האבן געמוזט זיין אזוי ריין, אזוי גענוי — ממש מוסטערהאפט! אזוי האט ער געוואלט, מיין לערער! אלע ווייַ־ לע פלעגט ער עפעס א זאג־טאן אויף מיין אדרעס — א זידל־ ווארט, צי סתם א געשריי:

— זורנאליסט, וויסע נאגו!!

— זורנאליסט, רוקי נא ביעג!

— זורנאליסט, רוזיא!

— זורנאליסט, דזראקא וואליאעס!...

אמאל פלעגט ער נאך דערביי ווייזן כלומרשט א פריי־

---

1) זאג, פארוואס האבן דיינע אבות געהרגעט קריסטוסן?

לעך פנים, אָבער דאָס איז מער געווען פון הנאה-וועגן, וואָס ביי זיינע קרבנות פליען אַזש פונקען פון די אויגן...

דאָס פלעגט אַלץ געשען אויפן „זשיטני באַזאַר", אויף „פּראָגולקאַ" — טאָג-איין, טאָג-אויס. דעמדאָזיקן „באַזאַר" מיט זיינע הייזער, שורות קראָמען און מאַרק-ביידלעך האָב איך פיינט געקריגן ווי אַ קללה... אַלץ איז דאָ געווען ווי אויף צולהכעיס.

געקומען פון „פּראָגולקאַ" — ווידער צו דער זאַך: ביקס-איבונגען. דאָ איז שוין געווען אַן אַנדער לערער: אַ רוס, אַן אמתער קאַצאַפּ פון טולאַ, אַ יעפרייטאָר. דערדאָזיקער לערער איז שוין געווען אַ סך אַ מילדערער ווי דער גרוזין, כאָטש פון צייט-צו-צייט פלעגט ער אויך אַריינפאַלן אין אַן אמתער פּוריע, אין אַ תאווה צו פייניקן די קרבנות זיינע — די „סער-יאָקעס"... ווער ווייסט, אפשר איז עס דאָ ביי די אַלע „אַלטע" געווען אַ מין נקמה דערפאַר, וואָס מ׳האָט זיי דאָ אויך אַמאָל געפייניקט?... פונדעסטוועגן פלעג איך אַמאָל פאַר אַ פּאַפּיראָס, אַמאָל פאַר אַ קליין הלוואהלע קויפן זיין גוטמוטיקייט; אָבער איין חסרון האָט ער געהאַט: ער פלעגט תיכף פאַרגעסן... כאָטש האַלט אַ גאַנצן טאָג אין איין געבן...

אויך די ביקס-איבונגען פלעגן קיין נחת נישט פאַרשאַפן. די הענט פלעגן ממש פאַרחלשט ווערן פון די כלערליי איבונ-גען. דאָס ערגסטע איז געווען, אַז מ׳פלעגט נעמען „נאַ קאָלקו טשוטשעלאַ" 1). צו אַ געשטעל אַזאַ איז געווען צוגעשלאָגן אַן אָנגעשטאָפּטער זאַק מיט היי און קעגן דעם פלעגט מען עס דאַרפן פעכטן. דידאָזיקע פעכטעריי קעגן היי-זאַק איז, אַפּנים, געווען שווערער ווי קעגן אַ לעבעדיקן שונא... ווייל קעגן אַ לעבעדיקן שונא דאַרף מען דאָך נישט האַלטן די ביקס אין אַלערליי פעדאַנטישע פּאָזיציעס, אויסגעמאָסטן ווי מיט אַ פּאָ-

---

1) פעכטעריי.

דעם. דאָס פעכטן אַ 15—20 מינוט איז געגוג געווען, אַז עס זאָל הייס ווערן ווי אין גיהנום און אויפן שטערן זאָלן אַרויס-שלאָגן אַנגסטן, ווי אַ מינוט פאַרן שטאַרבן... היינט ווען שמו-עסט נאָך, אַז דער „גאָספּאָדין אוטשיטיעל״ איז דאַמאָלס גראָד געווען צו דיר נישט גוט אויפגעלייגט, איז דידאָזיקע פעכטע-ריי פאַרלענגערט געוואָרן און זיין קאָמאַנדע איז געווען קאָמ-פּליצירטער, אַ שטייגער:

— ס׳פּראַווא קאָלי, ס׳לעווא קאָלי, וופעריאָד קאָלי, נאַזאַד קאָלי, ס׳ווערכו פּריקלאַדאָם ביי!!!...

אוי, ווי הייס!... ווי הייס!... אַ קאָלך-אויוון!...

געענדיקט מיט מזל מיט דער ביקס — נעמט מען זיך צו גימנאַסטיק: אַביסל לייכטע באַוועגונגען, אָדער לייכט-אַטלע-טיק — עפּעס אַ סאָקאָלסקי-סיסטעם — מילא, אדרבה, אַ ספּאָרט-ענין. פאַרוואָס נישט? אָבער דידאָזיקע מענטשלעכע גימנאַסטיק פלעגט לאַנג נישט דויערן — מ׳פלעגט זיך נעמען צו מאַשי-נען! עפּעס כלערליי משונהדיקע כלים, ווי פאַר צירק-אַקראָבאַטן: פּאַראַלעל-„ברוסיעס״ — אַזאַ מין געשטעל, אויף וואָס מ׳שטעלט זיך אויף די הענט; רינגען אויף שטריק צום הויבן זיך; אַ לייטער צום קריכן מיט די הענט פון הינטן אויף די שטאַפּלען אַרויף; אַ „טורניק״ 1) אויף צו דרייען זיך איבער דעם און מאַכן דערביי כלערליי גיהנומשע ווילדע קונצן (נישט איינער האָט שוין דערביי דעם קאָפּ צעשפּאָלטן...); אַ הויך פאַרלייג-טער שנור צום שפּרינגען איבער דעם; אַ העכער צוויי-מעטער-לאַנגע, הויכע, הילצערנע „קאַבילע״ 2) אויף איבערצוטאַנצן לענג-אויס פון הינטן אַזש איבער איר קאָפּ אַריבער... און נאָך אַזעל-כע מיני מכשירים.

דריי זאַכן האָב איך בשום-אופן נישט געקאָנט מאַכן:

---

1) אייזערנער דראָנג.

2) קליאַטשע.

צליין זיך אַ שטעל־טאָן אויף די הענט אויף די פּאַראַלעל־„ברוסיעס" און שטיין בלייבן אין דערדאָזיקער פּאָזע אַ געוויסע צייט; דאָס צווייטע — איבערשפּרינגען איבער דער גאַנצער „קאָבילע"; דאָס דריטע — „סאַלטאָ מאָרטאַלע" איבערן „טורניק"... אויף די „ברוסיעס" פּלעגט מען מיך מוזן אונטערשטופּן און צוהאַלטן; אָבער מיט אַ כּיוון, כּלומרשט אין שפּאַס, פּלעגט מען מיך שוין האַלטן אַזוי לאַנג מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַז כ'האָב איבערגעלעבט בעת־מעשה איובס יסורים... אויף דער „קאָבילע" ווידער פּלעגט מען מיך כּסדר יאָגן און יאָגן, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל; אָבער אומזיסט, כ'פּלעג העכסטנס בלייבן זיצן רייטנדיק אויפן מיטן רוקן — און ווידער דאָס אייגענע, פון ס'ניי געלאָפן... ביי דעם „סאַלטא מאָרטאַלע" פּלעגט זיך אויך מיט מיר אָפּטאָן חושך... גיי באַווייז אַזאַ מין אַקראָבאַט־שטיק ווי אַנידערזעצן זיך אינדערהויך אויפן „טורניק", פאַרלייגן די הענט אויף דער ברוסט און א וואָרף־טאָן זיך אויף הינטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און אונטן שטיין בלייבן אויף די פיס!... פּלעגט מען מיך פּשוט מיט געוואַלט פון הינטן אַ שלעפּ־טאָן פאַרן מונדיר און כ'פּלעג דערביי שיער נישט געניזוקט ווערן...

אין גרונט בין איך ביי דער „קאָבילע" אפשר נישט אַזוי שטאַרק שולדיק געווען ווי מיינע משוגעדיקע שטיוואַלעס! ווי הויך איך פּלעג זיך נישט פאַרמעסטן, ווי שטאַרק איך פּלעג נישט מאַכן דעם „טאָלטשאָק"[1], פלעגן מיך מיינע אומגעלומפּערטע שטיוול אַראָפּשלעפּן, ווי שווערע געוויכטער אויף אַ שאַנקזייגער... נאָר גיי דערצייל „נאַטשאַלסטוואָ"! גיי טענה זיך אויס, אַז מען טאָר גאָר קיין מויל נישט עפענען, ווי אַ שטומער אויטאָמאַט... נישט איינמאָל האָב איך שוין געהאַט באַשלאָסן צו קויפן אַ פּאָר אייגענע, לייכטערע, שטיוול און ווערן „לייטן גלייך"; אָבער דעמדאָזיקן געדאַנק האָב איך אָפּגעטריבן:

1) שטויס מיטן פוס.

סטייטש, גיין זיך „איינפונדעווען״ אין קאַזאַרמע? ווערן דאָ אַ היימישער? צו וואָס און צו ווען! איך בין דאָך נאָר אַהערגעקומען אויף אַהיימצוגיין אַלס „ערשטער לגאָטניק״... איז מילא, וועל איך נישט נושא-חן זיין אַלס סאָלדאַט; זאָלן זיין נישט קיין שטיוול, נאָר שטיוואַלעס — די קאַזאַרמע וועט מיר שוין נישט ליבער ווערן...

נאָך גימנאַסטיק פלעגט קומען „סלאָוועסנאָסט״. דאָס איז געווען די איינציקע זאַך, וואו איך בין געווען „אויפן פערדל״. דאָ האָט זיך קיינער נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט מיר; דאָ האָב איך אָן אַלעמען נקמה גענומען... ביי אַנדערע פלעגט בעת מעשה קאַפּען ממש אַ שווייס איבערן שטערן, פונקט ווי ביי מיר ביי דער „קאַבילע״... קיינער אין מיין גרופּע האָט אַזוי שנעל און גענוי נישט געענטפערט ווי איך.

דער לערער שטעלט פראַגע נאָך פראַגע. אַ שטייגער:

— טשטאָ טאַקאָיע זנאַמיאַ? 1)

— טשטאָ טאַקאָיע פּריסיאַגאַ? 2)

— טשטאָ טאַקאָיע סאָלדאַט?

און נאָך און נאָך אַזעלכע שאלות פון אַ מיליטער-בראָשור. פלעגט ער אַ ווינק טאָן צו אַ פויער, למשל — אַפילו צום גרעסטן בריה ביים לויפן און טאַנצן — פלעגט זיך יענער אויפשטעלן ווי אַ לעמעלע, הילפלאָז, דהכנעהדיק און פלעגט נעמען שטאַמלען, ווי איינער, וואָס פאַרגעסט דאָס לשון. כ׳פלעג בעת-מעשה קוקן מיט טריאומף און אויסהערן, ווי דער לערער שיט מיט זלזולים — וואָס עס קומט אים נאָר אויף דער צונג:

— באָלוואַן! דיין קאָפּ איז אָנגעפילט מיט מיסט! אַזאַ הילצערנעם קאָפּ לוינט דאָך נישט צו טראָגן אויף די אַקסלען... מער ווי קאַשע פרעסן קאָנסטו דאָך נישט... באָלוואַן!

---

1) וואָס איז אַזוינס אַ פאָן?

2) וואָס איז אַזוינס אַ שבועה?

און אַ ווינק-טוענדיק צו מיר, פלעגט דער לערער אַ זאָג-טאָן:

— סקאַזשי יעמו, עטאָמו באַלוואַנו! 1)

פלעג איך זיך פלינק אַ הויב-טאָן פון מיין אָרט און אָפ-זאָגן מעכאַניש די תשובה ווי אַ ייד, א שטייגער, „אשרי"...

און איז מען געקומען אין „סלאָוועסנאָסט" צו די כללים פון פעלד-דינסט, האָב איך די „תורה" באַלד תופס-געווען ווי אַן אמתער פעלדפאַרשאַל... איך האָב אַלצדינג געדענקט אַייסנוויי-ניק, נאָך בעסער פון „גאָספאָדין אוטשיטיעל", וועלכער פלעגט ביים אונטעררעכט פאַרייגקוקן כסדר אין דער מיליטערישער ברא-שור.

אָבער די „סלאָוועסנאָסט" פלעגט לאַנג נישט דויערן און מיין „העלדישקייט" פלעגט תיכף פון אַלעמען פאַרגעסן ווערן אין די כלערליי עינויים פונם גאַנצן טאָג...

1) זאָג אים, דעמדאָזיקן גולם.

IV. „נאַ שטיקי״ מיט די גלאַנציקע לעפל...

זייגער 1 דערהערט זיך דער סיגנאַל צום „אָביעד״ [1]
צוויי פרייע שעה האָבן מיר, יונגע סאָלדאַטן, — גאַנצע צוויי שעה.

עס ווערט אַ געֿרודער. עולם לאָזט זיך אַוועק אין דער באַזונדערער עס־שטוב — אַ לאַנגע געבײַדע, אינעווייניק אָן אויוונס, אָן אַ הילצערנער פּאָדלאָגע, קאַלט, חושכדיק—אַזוי אַז מ׳מוז דאָרט טראָגן אויף זיך אָנגעוואָרפן די שינעלן. מ׳טיילט די „פּאָרציעס״ — שטיקלעך פלייש, אויסגעטאַפּטע, אויסגעקילטע, פיצלעכווייז אַרויפגעשטאָכענע אויף הילצערנע שטעקעלעך...

אָפּגעגעסן דאָס פלייש ציט מען אַרויס פון די כאָליעוועס די קורצע אָבער ברייטע, פּאָליטורטע, קאָלירטע, גלאַנציקע לעפלעך און מען וואַרט דערמיט ווי מיט די שטיקעס פאַר אַן „אַטאַקע״... אַז מ׳ברענגט די קופּערנע בעקנס מיטן „באָרשטש״ („באָרשטש״ האָט געהייסן נישט נאָר קאַפּוסטע, נאָר אַפילו לאָקשן.)

---

1) מיטאָג.

און רייז, ווייל אלץ האט אין זיך געהאט א געוויסע זויער-קייט), — פאלט מען צו צו דעם ווי די הונגעריקע וועלף. מען עסט שטייענדיקערהייט, זאלבע זיבן-אכט פון א בעקן. א גע׳עג, א כאפעריי. ווער ס׳איז מער בריה, מאניפולירט פלינקער מיטן לעפל. ס׳ווערט א כליוסקעריי ווי אין א חזירים-שטאל... נאכן „באָרשטש״ ברענגט מען קאשע. קאשע — דאס איז אין קא-זארמע א זאך פון באזונדערן רייץ. די שווארצע גרעטשענע קאשע פלעגט גוט געשמאלצן ווערן און איז באמת געווען גאנץ נישקשהדיק. ווערן ביי אלעמען די נעזער אויסגעשפיצט, די אויגן צעגלאנצן זיך ווי ביי ראמאנסירנדיקע קעץ... צו קאשע-עסן דארף מען שוין זיין אן אמתער ספעציאליסט. דער יונגער, דער פריץ, וועלכער ווייסט נישט, שטעקט אריין זיין לעפל און שעפט אן וואס פולער, מיינענדיק, אז דערמיט באווארנט ער זיך... דערפאר אבער, איידער ער עסט אויף דעם פולן לעפל, איז שוין דער בעקן אויסגעליידיקט. דער אמתער קאשע-עסער — דער „אלטער״ — כאפט פריער צוויי-דריי מאל (ס׳ווענדט זיך ווי גרויס דער ארומיקער „שונא״ איז...) צו ביסלעך, טוט שנעל א שלינג-איין, גארנישט קייענדיק קיין סך, און דאן באווייזט ער נאך אריינצושטעקן דאס לעפל, און ערשט איצט טוט ער א נעם-אן פול מיטן אויג... האט ער א קיימא-לן א צוויי-דריי ביסלעך מיט א פולן לעפל, נישט ווי דער „סעריאק״, דער שלימזל, וואס קען נישט די „מלאכה״...

וועגן קאשע גייען אום אין ראטע פארשיידענע ווערטלעך.

— וואס טוט א סאלדאט נאך קאשע? — פרעגט איינער.

— ער לעקט אפ דאס לעפל — ענטפערט א צווייטער.

— בראווא! מאלאדיעץ! — הילכט ארום טיש.

— וואס טוט א סאלדאט אז ער איז הונגעריק נאכן „אביעד״?

— קייט ער די ערד... — קומט אן ענטפער.

— בראווא! בראווא!

דאָס חכמהט מען זיך, פאַרשטייט זיך, נאָכן עסן, בעת די בעקנס שטייען שוין ליידיק און מ'קאָן זיך שוין פאַרגינען א וואָרט אויסריידן.

נאָכן „אָביעד" זופט מען ווידער „קיפּיאַטאָק" און ווער עס האָט א פּאָר גראָשן, פונדעוועט זיך א שטיקל „דאַרע קיש-קע" אָדער „סאַלאָ" פון דער סאָלדאַטישער „טשאַינאַיאַ לאַוואָ-טשקאַ" און דערכאַפּט זיך ערשט דאָס האַרץ נאָך דער בהלה ביים „אָביעד".

אין די זעלבע צוויי פרייע שעה מוז מען אויך לאַטען די צעריסענע מלבושים, רייניקן די ביקס, פוצן די מעשענע קנעפּ און נאָך אזעלכע מלאכות, כדי באַגיגען ביים „סמאָטר" נ'שט צו כאַפּן אויפן ניכטערן האַרצן קיין „עליה"...

מען באַוויזט נישט אויסצוגלייכן די גלידער און שוין ווידער — א קאָמאַנדע:

— סטראָאיטסיאַ!

ווידער די ביקס, ווידער אַלערליי איבונגען. דאָ שטיי, דאָ פאַל! און ווידער „פּראָגולקאַ". געגאַנגען, געלאָפן. אזוי ביז זייגער 7 אין אָוונט. דאַמאָלס רופט דער סיגנאַל צו „וויעטשע-רע" — צו א שיטערן קרופּניק (אויך אזא מין „באָרשטש") פון די רויטע קופּערנע בעקנס. פאַרשטייט זיך, אז דעם הונגער קאָן עס נישט שטילן, און ווער עס קאָן זיך נאָר דערלויבן, דער לויפט אין סאָלדאַטישן געוועלבל נאָך א פונטל „קאַלאַטש"1) און דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ.

בכלל איז דער סאָלדאַט תמיד הונגעריק. דאָס אַרבעטן אָן א שיעור אויף אַלע כלים, דאָס לויפעניש און יאָגעניש אין דרויסן ביי דער „פּראָגולקאַ" רייצט דעם אַפּעטיט און דערפאַר טאַקע האָט ער א קישקע אָן א דעק און הערט אויף צו עסן נאָר דאַמאָלס, ווען ס'איז שוין נישטאָ... ער איז אזוי ווי א

---

1) ווייס-ברויט.

פערד, וואָס עסט פון אַ טאָרבע און הערט קיינמאָל נישט אויף צו קייען כּל זמן זיינע נאָז-לעכער שפּירן אונטן דעם „אָבראָק“... און די אַלע — אייגנטלעך דאָס רוב — וועלכע באַקומען נישט פון דער היים קיין פּאָר רובל, געפינען זיך טאַקע אין אַ מצב פון כראָנישן הונגער, ווייל די קאַזיאָנע פּענסיע פון אַ גאַנצן חודש קאָן קוים קלעקן אויף איין שנאַפּס מיט „דערע קישקע“ צום פאַרבייסן...

V. מען זינגט לידער...

נאָך דער וויעטשערע הויבט זיך אָן אַ סדרה פֿון זינגען. דעם גאַנצן יונגן עולם — די „סעריאַקעס" — קלויבט מען צונויף אין אַ קופּע אינמיטן קאַזאַרמע. אַן אונטעראָפיציר גיט אַ קאָמאַנדע: „טאָפּטשים נאַ מיעסטיע — מאַרש!"1) און מען הויבט זיך אָן צו וויגן אויף אַן אָרט פֿון איין פוס אויפֿן אַנדערן: „ראַז-דוואַ! ראַז-דוואַ!" און דער „זאַפּיעוואַלאַ"2) אַליין סאַמע מיטן הויבט אָן אויף אַ פֿאַרצויגענעם קולכל צו לאָזן טענער. לויט אַ צייכן מוזן אַלע אונטערכאַפּן און מיטזינגען. צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט נישט — מוזטו אָפּן האַלטן דאָס מויל און העלפֿן דעם „כאָר".

אָפּט פֿלעג איך אָפּן האַלטן דאָס מויל און נישט זינגען: ס'פֿלעגן מיך עקלען די באַנאַלע סאָלדאַטישע לידער. אָבער דער אונטעראָפיציר האָט געוואָרפֿן אויף מיר אַן אויג און פֿלעגט פּשוט אונטעררוקן אַן אויער, צי מ'הערט עפּעס פֿון מיר אַ טאָן...

---

1) טרעט אויף אַן אָרט.

2) פֿאָרזינגער

— אַרי נאַ ווסיו גלאָטקו! (1 — פלעגט ער מיר אַריינ־שרייען.

פלעגט נישט העלפן און כ׳פלעג שוין מוזן מיטזינגען. דאָס דאָזיקע וויגעניש אויף אַן אָרט און דאָס זינגעניש פלעגט דויערן אַ שעה צייט לערך. די לופט פלעגט פשוט פאַרהילכט ווערן פון די מגושמדיקע קולות.

צווישן די פיל באַנאַלע סאָלדאַטישע „פיעסניעס״ פלעגן זיך אָבער אויך דורכוואַרפן שיינע האַרציקע אוקראַיִנישע מאָטיוון וועגן דניעפּער און די ברייטע אוקראַיִנישע סטעפּעס. עפּעס איין ליד האָב איך אַפילו דערקענט — ס׳איז געווען פון שעווטשענקאָס „קאָבזאַר״ (אין ראָטע זענען געווען אַ סך אוקראַיִנער). דאַמאָלס פלעג איך שוין נישט „שווינדלען״ און פלעג מיטזינגען זייער גערן.

כ׳פלעג באַמערקן, אַז ביים זינגען פלעגן אַ סך אַריינפאַלן אין דער אמתער שטימונג. די פאַנטאַזיעס פלעגן זיך צעשפּילן און מ׳פלעגט זיך, אפנים, דערזען אויף די היימישע דאָרפישע פעלדער צוזאַמען מיט די בליענדיקע, לאַכנדיקע מיידן...

נאָך דידאָזיקע „פּאָעטישע מינוטן״ פלעגט מען זיך „סטראָיען״ צו „פּאָווערקאַ״ און דער פעלדפעבעל פלעגט דערביי אויך פאַרלייענען די ביולעטינען פון פאָלק־קאָמאַנדיר מכח אַלע מיליטערישע נייעסן פון גאַרניזאָן. ווער פאַרוואָס ס׳איז באַשטראָפט געוואָרן, וועלכע ענדערונגען עס זענען פאָרגעקומען אין שטאַב א. ד. גל.

פון דער „פּאָווערקאַ״ פלעגט מען זיך לאָזן צו דער אַיקאָנע, צום אָוונט־געבעט. דאָ פלעגן אויך מוזן בייזיין אַפילו די נישט־פּראַוואָסלאַוונע, ווייל באַלד נאָכן אָוונט־געבעט פלעגט מען אויך זינגען מיט גראָבע, פייערלעכע טענער: „באָזשע, צאַריאַ בראַני!״

1) ריטשע אויפן גאַנצן שלינגער דיינעם!

פון דער „איקאָנע" פלעגט מען זיך צעגיין שוין פריי, להלוטין פריי. אָבער דער זייגער איז שוין נאָך 9 און דער גאַנצער קערפּער איז אַזוי מוראדיק צעבראָכן, אַז קוים וואָס די פיס פלעגן זיך צושלעפּן צום געלעגער אויף דער נאַרע. איך פלעג אַ ווײַלע בלייבן זיצן אויף דער נאַרע און קלערן וועגן פאַרגאַנגענעם טאָג ווי וועגן אַן איבערגעקומענער סכנותדיקער קראַנקהייט...

10 אַ זייגער איז שוין דער עולם געלעגן אויף די נאַרעס, אויסגעלייגט איינע נעבן די אַנדערע אין ענגשאַפט, ווי געפּרעסטע הערינג. אייגנטלעך איז עס געווען איין לאַנגע נאַרע איבער דער גאַנצער לענג פון וואַנט און די געלעגערס זענען געווען האַרט צוגערוקט איינע צו די אַנדערע מחמת ענגשאַפט, און אַז דער עולם איז געלעגן, האָט עס אויסגעזען ווי איין ריזיק געלעגער, ווי איין איבערגעדעקטע גרויע מאַסע מיט אַ שורה קעפּ ביי דער וואַנט. איבער די לאַנגע, ריזיקע תדרים פון דער קאַזאַרמע האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווילדע כראָפּעריי פון אָפענע מיילער.

ליגנדיק איינגעפּרעסט אין דערדאָזיקער געדיכטעניש אויף דער נאַרע, האָב איך נישט איין שלאָפלאָזע נאַכט איבערגעלעבט. ס'איז פשוט נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. ס'האָט געאיבלט ווי אַ מין טשאַד... די פאַרפעסטעטע לופט איז אַריינגעדרונגען אין די לונגען און געשטיקט און געוואָרגן... וואָס ווײַטער אין דער נאַכט, אַלץ ערגער איז געוואָרן, אַלץ אומדערטרעגלעכער. איך פלעג אויפרייסן די אויגן, זיך אַנידערזעצן און קלערן, ווי ראַטעוועט מען זיך, כדי נישט דערשטיקט צו ווערן. ס'איז געווען ווי דער רוס זאָגט: „כאָט טאָפּאָר פאָוויעס"...1)

נישט איין מאָל האָב איך זיך אינמיטן נאַכט אַראָפּגעכאַפּט פון האַרטן געלעגער, אַרויפגעוואָרפן אויף די אונטער-

1) כאָטש הענג־אויף אַ האַק.

מעש דעם שינעל, אריינגעשטעקט די פיס אין די שטיוול (צו מיינע גרויסע שטיוואלעס פלעג איך ביים אָנטאָן גאַרנישט דאַרפן צורירן מיט קיין האַנט..) און אַרויסגעגאַנגען אַפּיסל אויפן קאַזאַרמע-הויף דורכצולופטערן די לונגען.

מיינע דאָזיקע „וויזיטן" אין דער קאַלטער פראָסטיקער נאַכט-לופט האָבן געבראַכט דערצו, אַז איין פרימאָרגן דערפיל איך ווי עס פיבערט מיך און דער קאָפּ טוט מיר וויי.

געגלויבט און געצאַפּערט איז דער באַשעפער פון דהימל און ערד — כ'בין קראַנק געוואָרן! ווי גליקלעך איך בין — כ'בין באמת קראַנק געוואָרן! איך לאַך איצט פון אַלעמען!...

באַלד אינדערפרי האָב איך זיך פאַרשריבן אין „אָקאָלאָ-דאָק"1) און בין אַוועק אַהין מיט אַ קאָמאַנדע חולאים (אפילו קראַנקערהייט מוז מען גיין „פּאָ אוסטאַוואו"...)

אין „אָקאָלאָדאָק" מעסט מיר אַ פעלדשער צוויי מאָל אָפּ די טעמפּעראַטור (דאָס ערשטע מאָל האָט ער מיר עפּעס נישט געגלויבט) און אַ נס איז טאַקע געשען — איך האָב היץ! עס פיקט זיך מסתּמא אַן אַנגינע. אין האַלז ווערט מיר אַלץ ענגער. עס באַטראַכט מיך נאָכדעם דער פאַלק-אַרצט און נאָך דעם זעלבן טאָג שיקט מען מיך אָפּ אין מיליטערישן לאַזאַרעט אַריין, וואָס ליגט אויף די בערג ביים טייך טעטערעוו.

---

1) פאַלק-אַמבולאַטאָריום.

VI. אין לאַזאַרעט

איך ליג שוין נישט אויף קיין נאַרע, נאָר אויף אַ זױ־בער־װײסן שפּיטאָל־געלעגער. איך דו מיר אויס די ביינער. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט אַזוי ליב געהאַט די מנוחה, ווי איצט. דער געדאַנק וועגן דער קאַזאַרמע האָט מיך איצט, אין סאָל־דאַטן־שפּיטאָל, געמאַכט פּשוט שוידערן. ס׳איז מיר איצט גע־וואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס מ׳וויל זיך אַרויסדריי־ען פון „פּאַניען״, פאַרוואָס מ׳טוט זיך אָן פלערליי מומים, פאַר־וואָס, למשל, מען מאַכט זיך מיט אַ פוס קירצער, מ׳האַקט זיך אָפּ פינגער פון פוס אָדער פון האַנט, מ׳נעמט זיך אַרויס גאַנ־צע 14 ציין, וכדומה... כ׳האָב איצט מיטגעפילט די אַלע, וואָס האָבן אַזוי געטאָן, אַבי זיך אַרויסצודרייען פון אונטער „פּאַניעס״ שווערע, בלאָטיקע שטיוול — — —

בין איך מיר אַזוי געלעגן און געבענטשט יעדן טאָג פון מיין קראַנקהייט.

אָבער ווי לאַנג דויערט דען אַן אַנגינע? — אין אַן אַכט טעג אַרום איז שוין געווען נאָך איר.

איך בין אראפ פון בעט און גענומען ארומקריכן איבער די לאנגע שפיטאל־קארידארן. סאלדאטן האבן גערעדט וועגן „קאמיסיעס" און געחלומט וועגן פריי־ווערן... איין יידל, זע איך, שיינט פאר נחת: דאס הארץ, ביי אים, זאגט ער, קלאפט ווי א ניי־מאשין... אין א פאר טעג ארום דארף ער דא שטיין אויף „קאמיסיע" און ער האפט זיכער באפרייט צו ווערן. א צווייטער בארימט זיך מיט זיינע קראנקע לונגען, א דריטער— מיט א נירן־ענטצינדונג, א פערטער — מיט א צו־וואוקס אויפן שטערן... — אלץ גליקלעכע מזלות!...

איין פעלדשער פון שפיטאל — דערציילט מען מיר — האט אזעלכע „פראשקעס" צום הארצן, פון וואס מען קאן קריגן א „ווייסן בילעט"... דערדאזיקער פעלדשער האט טאקע נאכדעם מיט מיר אליין גערעדט און מיך בשתיקה צוגערעדט צו זיין „סגולה". איך האב אבער נישט געוואלט דערפון הערן און גע־רענקען — גיי הויב זיך אן מיטן הארץ! אנשטאט א „ווייסן בילעט", קאן מען אמאל קריגן ווייסע... תכריכים... אגב, בין איך דאך עפעס אן „ערשטער לגאטניק" און כ'וואַרט דאך סיי ווי, אז פריער־שפעטער זאל מען מיך באפרייען.

צווישן די יעניקע, וואס ווארטן דא אויף א קאמיסיע, איז פאראן איינער א יידל, וואס דרייט זיך דא ארום שוין א חדשים צוויי. דאס איז אן עפילעפטיקער, און מען האלט אים דא, ביז וואנען ער וועט קריגן דעם אטאק... ער איז אזוי ארומגע־גאנגען אין דערווארטונג טאג־איין, טאג־אויס. דערדאזיקער פאר־שוין, כאטש ער האט געוואוסט, אז ער וועט זיכער באפרייט ווערן, פונדעסטוועגן איז ער ארומגעגאנגען א פינסטערער, א מרה־שחורהדיקער, א שטענדיק־פארשלאסענער אין־זיך, מיט קיי־נעם נישט גערעדט און בלויז געווארפן נעפלדיקע, אומהיימלעכע בליקן... ביז איינמאל אין מיטן דער נאכט כאפ איך זיך אויף פון א בהלה אין קארידאר.

— דעזשורני! דעזשורני! — הער איך א געשריי.

דאָס האָט יענער פאַרשווּנדן לסוף געכאַפּט דעם לאַנג-באַ-גערטן אַטאַק, און צו זיין גליק איז זיין שכן נישט געשלאָפן און ער איז עס אַרויסגעלאָפן מיט אַ געשריי אין קאָרידאָר.

דער דעזשורני-דאָקטאָר איז טאַקע תּיכּף אַריינגעלאָפן אַהין און פעסטגעשטעלט, ווי יענער וואַרפט זיך אין עפּילעפּטישע קאָנוואולסיעס... ווען מען באַמערקט עס נישט, וואָלט ער זיך געמוזט וואַלגערן אין שפּיטאָל ביז אַ צווייטן אַטאַק... אַזוי איז ער טאַקע באַלד צומאָרגנס געגאַנגען אויף „קאָמיסיע" און גע-קריגן דעם „ווייסן בילעט".

אים האָט קיינער נישט מקנא געווען...

VII. מאַרוסיאַ

אײן טאָג בין איך אַרויס אין שפּיטאָל־הויף אַביסל צו שפּאַצירן. ס׳איז געוועז גראָד אַ לינדער שניי־טאָג און די לופט איז געוועז פריש און דופטיק, ווי דער ריח פון פעלד־בלימלעך. איך בין אַרומגעקראָכן צווישן פאַרשנייטע בוימער, אַרום ווייסע פיל־פענסטערדיקע געביידעס. דאָ און דאָרט האָבן זיך אַרומגעדרייט רעקאָנוואַלעסצענטן, אָדער סתם סאָלדאַטן ביי אַרבעט: אַנדערע האָבן געשטופט אַ פעסל וואַסער אויף אַ וועגעלע; אַנדערע האָבן געהאַקט האָלץ, געשלעפט קלעצער, ברעטער, געמייסטרעוועט; טייל האָבן געטראָגן גרויסע קעסלען, פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ פּאַרע.

פון איין פאַרטער־געביידע דערהער איך אַ זינגען. פרויען־שטימען. כ׳גיי־צו — ס׳איז די שפּיטאָל־וועשעריי. פון אַן אָפּענער טיר האָט געשלאָגן אַ וואַרימע פּאַרע, ווי פון אַ שוויץ־באָד.

איך בין אַריין אַהין, סתם צו כאַפּן אַ קוק.

אַ גאַנצער עולם ווייבער און פאַררויטיקטע מיידן מיט

פאַרקאַשערטע אַרבל האָבן זיך געפּאַרעט ביים וואַשן און ביים אויסדרייען וועש. פון זיי טראָגט זיך עס דאָס געזאַנג. דערזע-ענדיק מיך, האָבן זיי זיך גענומען איבערווינקען און נאָכמער פלייסן זיך מיטן זינגען.

— העלף אַביסל דרייען, זעמליאַטשאָק! — רופט זיך אָן צו מיר איינע, אַ יונג שיקסל, גראָד נישט קיין מגושמדיקע ווי די אַנדערע, בלוט און מילך, ווי אָקאָרשט פון דאָרף אַרויס.

כ׳דערנענטער זיך צו איר און פאַרפיר מיט איר אַ לייכטן „פלירט״, נעם זי אָן באַלד ביי דער האַנט, כלומרשט מעשה-סאָלדאַט, און זי קאָלערט זיך פון געלעכטער. די איבעריקע זע-נען, אַפּנים, געווען אַביסל אייפערזיכטיק צוליב איר „דערפאָלג״ און האָבן זי כסדר גערופן צו דער אַרבעט...

— זיי לאָזן מיך קיין וואָרט נישט אויסריידן, — קלאָגט זי זיך פאַר מיר און לאַכט דערביי.

— מאַרוסיאַ! קום דרייען די גאַטקעס, קום! — רופן זיי איר. — אויב דו ווילסט, קאָנסטו זיך באַשטעלן אויף אַ „סווי-דאַניע״. 1)

— לאָזט איר אַביסל אָפּרוען... — בעט איך פאַר איר, — זי איז נאָך אַ יונג מיידל...

— אַז דו ביסט אַזאַ גוטער, טאָ האָב מיט איר התונה!...— מישט זיך אַריין אַן אַלטע וועשין מיט פאַררויטיקטע ידים אין די באָקעס.

ס׳ווערט אַ געלעכטער צווישן ווייבערשן „פאָלק״.

— אפשר געפעל איך גאָרנישט דער כלה... — נעם איך ווידער אָן דאָס יונגע שיקסל ביי אַ האַנט...

מאַרוסיאַ קייכט פון געלעכטער.

— ער געפעלט דיר, מאַרוסיאַ? — פרעגט מען דאָס שיקסל.

---

1) אַ „ראַנדקע״.

— נישקשה, איר געפעלן אַלע... — מישט זיך אַריין די וועשין מיט די הענט אין די זייטן, — אַבי אַ פּאָר הויזן!...

— ס'איז אמת, מאַרוסיאַ?... — ווענד איך זיך צום שיקסל.

— זי פּלוידערט, די באַבע... — ענטפערט, לאַכנדיק, מאַרוסיאַ.

— האָסט, גאָלובושקאַ, אַ צו שיין פּנימל... — האַלט זיך פעסט די „באַבע", — אַזעלכע ווי דו געגעצן נישט...

— מאַרוסיאַ קאָן טאַקע אַלעמען געפעלן ווערן... — האַלט איך אונטער און קוק בעת־מעשה דורכדרינגענדיק אויפן פּויערים־מיידל.

פון מיין בליק האָט זי געקריגן אַלע קאָלירן אין די באַקן. ס'האָט געוויינט פון איר מיט בליאונג, פרישקייט און דאָרפיש־קייט. אירע רונדיקע שטייפע בריסטלעך האָבן געציטערט אונ־טער איר לייכט סיצן בלוזקעלע, און אינגאַנצן איז זי געווען ווי אַן אָקאָרשט רייף־געוואָרענער פּאַרביקער עפּל...

— הערי, מאַרוסיאַ! — דערהערט זיך ווידער אַ קול, — מ'מוז אויסענדיקן די וועש.

— איך גיי באַלד! — ענטפערט זי ברוגז און קוקט אויף מיר אַזוי, ווי ס'וואָלט איר אַ שאָד געווען דאָס אַוועקגיין פון מיר...

מיינע האָט נישט קיין ברירה, גייט־צו צו אירע נישט־פאַרגינערקעס און נעמט זיך צו די וועש. אָבער פונדערווייטנס וואַרפט זי נאָך צו מיר חנדלעך און צעזינגט זיך:

„מאַי מילי וו'באָל—נ!צע"...

דער גאַנצער עולם ווייבער כאַפּט אונטער דאָס ליד און מאַרוסיעס שטים ווערט פאַרטויבט.

מיר קוקן זיך איבער און לסוף גיי איך אַרויס, אַ פּאָך־טוענדיק מיט דער האַנט:

— דאָ סווידאַניאַ, מאַרוסיאַ!...

כ'האָב זיך נאָך לאַנג אַרומגעדרייט אין די בערג, אַרום

די שפּיטאָל-געביידעס. אין דער נידער האָט זיך געצויגן דער מיט שניי-באַשאָטענער פאַרפרוירענער טעטערעוו, וועלכער איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דער ווייטעניש פון די פעלדער, אונ-טערן נידעריקן, גרויען ווינטער-הימל. פון אַ צווייטער זייט האָט זיך געזען אַ שטיק פּאַנאָראַמע פון שטאָט. אַ ים דעכער, ווײַ-סע דעכער, און פענסטער, פענסטער טונקעלע אָן אַ צאָל...

דאָסדאָזיקע ווינקעלע אין די שפּיטאָל-בערג איז געווען זייער ראָמאַנטיש, כאָטש נעם און גיי באַשטעל זיך דאָ אַ „ראַנ-דע-וואו" מיט מאַרוסיען...

דאָס דיקע געוואַנד פון גרויען שינעל האָט אַלץ גע-פּרעסט און דערשטיקט — — —

VIII. מ׳נעמט זיך צו מיר...

אײן פרימאָרגן האָט דער דאָקטאָר מײנער מיר אַרײנגעקוקט אין האַלז אַרײן, צו דער „אַנגינע״ מײנער, געהײסן מיר זאָגן: „ע—ע—ע—ע״ און פאַראָרדנט מיך תּיכּף אויסצושרײבן פון שפּיטאָל.

געענדיקט !...

געקומען צוריק אין קאַזאַרמע, האָט מען זיך אויפסנײ גענומען צו מיר און, דאַכט זיך, מיט מער אימפּעט און „טעמפּעראַמענט״... מײן לערער, דער קאַצאַפּ פון טולא, איז גראָד געװען אין א „שלעכטער שטימונג״ צוליב עפּעס אַ שטראָף, װאָס ער האָט געקריגן פון „ראָטני״ פאַר נישט קומען נעכטיקן אין קאַזאַרמע און אָנשיכּורן זיך אין אַ מיטן מיטװאָך... האָט ער די גאַנצע פאַרביטערטקײט אויסגעגאָסן אויף מיר.

— איבער די שפּיטאָלן װעסטו זיך אַרומדרײען? — האָט ער זיך אויף מיר געבײזערט, — דינען דעם צאַר װילט זיך דיר נישט, האַ? יאַ טיעביאַ נאַאוטשו!...1)

---

1) איך װעל דיר אָנלערנען.

כ'האָב זיך געהאַט גענומען פאַרענטפערן, אַז איך בין דאָך נישט שולדיק, וואָס כ'בין קראַנק געוואָרן; אָבער ער האָט מיך תיכף איבערגעריסן:

— מאַלטשאַט, ניע ראַזגאַוואַריוואַט! איך קען אייך שוין, סיעריאַקי! לאָדערא וואַליאַיעש!

ביי „קאָלקאַ טשוטשעלאַ" און ביי די פאַראַלעל-„ברוסיעס" האָט ער מיך אָפגעמוטשעט לענגער ווי אַלעמאָל.

— ווי אַ סטרונגע מוזטו שטיין אין די הענט! — האָט ער נישט אויפגעהערט צו זאָגן מיר מוסר. — נישקשה, איך וועל דיר שוין אויסלערנען ווי צו זיין אַ סאָלדאַט...

אַ חברה האָט מיך צוגעהאַלטן אויף די „ברוסיעס" און ער, דער „גאָספּאָדין אוטשיטעל", האָט צורעכט געמאַכט מיין פּאָזע, אויסגעגלייכט אויבן די פיס, אַביסל פאָראויס, אַביסל צוריק, אַביסל רעכטס, אַביסל לינקס — אַזוי געלאָזן מיושבדיק, ווי איינער, וואָס האָט צייט... ער האָט דווקא געוואָלט מיך צופּאַסן צום „אוסטאַוו", עס זאָל זיין ווי אין פסוק שטייט... און איך, פון אונטן-אַרויף, האָב געקוקט מיט פאַרלאָפענע אויגן אויף פאַרקערטע חוזקדיקע פּנימער און געפילט אין מיין איבער-געקערטן האַרץ, אַז אָט-אָט פּלאַצט עס אינעווייניק...

— ראַדי באָגאַ... פּאָלנאָ וואַם... 1) — שטאַמל איך פון אונטן. —

— ניעפּראַווילנאַ סטאָאיט! ניעפּראַווילנאַ! 2) — האָט גע-שריען מיין לערער און מיך אַלץ צורעכט געמאַכט...

— אומיראַיו!... 3) — האָב איך זיך געבעטן.

— ניטשעוואָ! — לאַכט דער לערער. — מיר האָבן אַן

---

1) אום גאָטעס ווילן... גענוג שוין אייך.

2) ער שטייט נישט ריכטיק! נישט רעגלמעסיק!

3) איך שטאַרב.

אומזיסטן לאַזאַרעס, אַ בית-עולם... ניטשעוואָ... שטאַרבסטו — באַגראָבן מיר דיך און באַסטאַ!

אַז מען האָט מיך לסוף אָפּגעלאָזט, זענען מיינע אויגן פייכט געווען... איך האָב נישט געוואוסט, צי פון פאַרלאָפענעם בלוט, צי פון טרערן...

נאָך אַזעלכע „לעקציעס" האָב איך שוין ביי זיך נישט געקאָנט פועלן פאַרצולייגן מיין „לערער" אַ פּאַפּיראָס—ס'האָט מיך פשוט געעקלט צו קוקן אין זיין פּרצוף אַריין. און וואָס מער איך האָב אים איגנאָרירט, אַלץ שטאַרקער האָט ער זיך מיט מיר אינטערעסירט — בעת די איבונגען און אפילו נאָך די איבונגען.

איינמאָל אין אָוונט, ס'איז שוין געווען נאָכן אָוונט-געבעט, בשעת אַלע האָבן זיך גענומען אויסלייגן אויף דער נאַרע, איז ער פאַרבייגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיר. איך בין שוין געווען אַן אויסגעטאָענער און האָב זיך געפּאָרעט מיטן צורעכט-מאַכן מיין געלעגער און געווען שוין אַפילו אויף דער נאַרע.

— ווען גייסטו ווידער אין שפּיטאָל? — פאַרטשעפּעט ער מיך.

— ווען איך וועל קראַנק ווערן! — ענטפער איך און פּאָרע זיך ווייטער ביי מיין געלעגער.

— ווי רעדסטו עפּעס מיט אַ נאַטשאַלניק! — ווערט ער פלוצלונג צעקאָכט און בייט דעם טאָן. — ווסטאַט!...1)

כ'האָב אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. איך בין שוין אין די אונטערוועש און יענער קאָמאַנדעוועט גאָר: „ווסטאַט!"... ס'האט מיך שרעקלעך געברענט זיין הינטישקייט און איך האָב אים גאַנץ פשוט געבעטן, אַז לכל-הפחות איצט, ביינאַכט, זאָל ער מיך צורו-לאָזן.

אַזאַ „חטא" האָט אים נאָך מער אַרויסגעבראַכט פון די כלים.

---

1) אויפשטיין!

— מאלטשאט, ניע ראזגאווארוואי! 1) — האט ער גע־דונערט מיט א ווילדן קול: — ווי רעדסטו עפעס מיט אן עלטסטן! אין דיסציפלינאר־באטאליאן וועל איך דיך פארשיקן! אין סיביר וועסטו מיר גיין! אויף קאטארגע פארפוילט ווערן! א שונא פון צאר ביסטו, בונטאווששיק איינער!...

און נאך אזעלכע פערלדיקע רייד. איך האב אויף אים בעת־מעשה געקוקט ווי אויף איינעם, וואס איז גערירט געווארן פון זינען און האב זיך נישט געקאנט איינהאלטן פון א שמייכל...

דערדאזיקער שמייכל האט אים אריינגעבראכט אין אן אמתער רציחה. זיינע גרויע וואסערדיקע אויגן האבן זיך ברייט צעעפנט און זענען געווארן איין שטיק בייזקייט.

— וויסטאט!! — צעדונערט ער זיך נאך העכער.

איך בין געווען אין פארלעגנהייט און נישט געוואוסט, וואס איך זאל טאן אין אזא רגע מיטן דאזיקן רשע און מטורף.

— וויסטאט, סמירנא!!!...

האב איך זיך אנידערגעשטעלט אויף דער נארע אין ווייסן און געבליבן שטיין ווי א גולם...

— רוקי פא שוואם!! 2) — קאמאנדעוועט ער ווייטער.

איך טו עס...

ער האט געגעבן נאך עטלעכע קאמאנדעס און לסוף מיר באפוילן אראפצולאזן זיך אויף די איינגעבויגענע פיס, שטייענדיק אויף די שפיץ־פינגער — „גוסינים שאגאם“ 3) הייסט עס אין קאזארמע.

— רוקי וופיעריאד! 4) — קאמאנדעוועט ער ווייטער.

צי איך אויס די הענט פאראויס און וואקל זיך.

— ניע שעוועליס! 5)

1) געשוויגן זאל זיין, נישט רייד!
2) די הענט בײַ דער זייט!
3) גענזן־טריט.
4) די הענט פאראויס!
5) ריר זיך נישט.

איך בין אַזוי געשטאַנען אין דער פּאָזע און געוואַרט, מיט וואָס די עקזעקוציע וועט זיך ענדיקן. די קני האָבן וואָס אַ מינוט ווייטער אַלץ מער ווײ-געטאָן און געשניטן. מיין „לע-רער" איז געשטאַנען אַנטקעגן מיט אַ מינע פון טריאומף און האַרט ווי אַ תּלין. דידאָזיקע שפּיל מיט מיר האָט אים, אַפּנים, פאַרשאַפט אַ גוואַלדיקע הנאה. קוקט ער, קוקט — און הויבט-אָן אויפסניי איבערצוחזרן זיין מוסר, אַז איך פאָלג נישט די באַפעלן פון „נאַטשאַלסטוואָ", אַז איך לאַך זיך אויס פון צאַר, אַז ער וועט צושטעלן אַ ראַפּאָרט וועגן מיר, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די פּאָזע מיינע האָט מיר גענומען שטאַרק דערקוטשען. ס'איז מיר פּשוט געוואָרן אומדערטרעגלעך אַזוי צו שטיין. די ווייטאָקן אין די פיס-געלענקען האָבן זיך מוראדיק פאַרשטאַרקט, אויפן שטערן האָט מיר שוין אַ קאַלטער שווייס אַרויסגעשלאָגן. אָט נאָך אַ ווײַלע און איך פאַרליר די גלייכגעוויכט. בעת-מעשה איז מיר געקומען אַ מחשבה אין קאָפּ אַריין, אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף אים און כאַפּן אים פאַרן האַלז, ביז די צונג זאָל אים אַרויסשפּאַרן...

אַזוי וואָלט מען זיכער געדאַרפט טאָן און ס'וואָלט אויך גאַנץ נאַטירלעך און לאָגיש געווען; אָבער איך האָב נאָר גע-קאָנט ק ל ע ר ן וועגן אַזאַ נקמה-אַקט; מיין „לערער" אָבער — ווען ע ר איז אויף מיין אָרט — ע ר וואָלט עס שוין יאָ גע-קאָנט באַווייזן, אַפילו גאָרנישט קלערנדיק...

לסוף איז אים אַליין נמאס געוואָרן די קאָמעדיע, אָדער עס האָט זיך אים פאַרגלוסט שלאָפן גיין, און ער האָט אַ קאָ-מאַנדעווע-געטאָן:

— לאָזשיס! 1)

און דראָענדיק מיט דער פויסט, איז ער אַוועק פון מיר.

---

1) לייג זיך.

איך האָב מיך שנעל אַרונטערגעדרוקט אונטערן צודעק און פאַר זיך אַליין זיך געשעמט: צו וואָס פאַר אַ מדרגה מ׳קאָן דערנידריקן דעם מענטשלעכן כבוד...

מיין „ועמליאַק״, דאָס יידל, וועלכער איז געלעגן נעבן מיר און זיך געהאַט געמאַכט שלאָפנדיק, מורא-האָבנדיק, מ׳זאָל זיך צו אים אויך נישט נעמען, — האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטערן צודעק און אויסגערופן:

— אַזאַ הינטישע פעל! פאַרוואָס האָסטו אים געשוויגן?

— וואָס האָב איך געקאָנט מאַכן?

— פּליעטן דעם קאָפּ!

— פאַרוואָס האָסטו מיר פריער נישט נעגעבן די עצה?

פריער ביסטו געלעגן ווי אַ פחדן מיטן צודעק איבערן קאָפּ...

— כ׳בין דאָך געשלאָפן...

— טאָ פונוואַנען ווייסטו וואָס דאָ איז געשען?...

— עפּעס האָב איך יאָ געהערט ווי דורכן חלום...

— יאָ, יאָ, דורכן חלום... ביסט, אַפּנים, נאָר אַ העלד אין דערהיים...

כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם נישט געקאָנט שלאָפן. איך בין געווען אויפגערעגט און אינגאַנצן צעבראָכן, צעטראָטן ווי אַ וואָרים... צו וואָס? צו וואָס בין איך געקומען אַהער צו די רשעים און סאַדיסטן — אַפילו צייטווייליק — בעת באַנען און שיפן האָבן לכתחילה מיך געקאָנט אַוועקפירן אַזוי ווייט פון דאַנען, אַזוי ווייט? — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

IX. אין טעג פון רו

ס׳איז זונטיק. אַ טאָג פון רו. איטלעכער פון דער קאַזאַרמע באַשעפטיקט זיך מיט זיך אַליין.

אין אַזאַ טאָג בין איך אויסגענוצט געוואָרן צו שרייבן בריוו. כ׳האָב שוין געהאַט אַ היבשן עולם „קליענטן״ — גאַנצע און האַלב-„ביעגראַמאָטנע״. צווישן זיי איז אויך געוועזן... מיין לערער פון טולאַ. ער האָט פלומרשט געזאָגט, אַז ביי אים איז די האַנטשריפט נישט קיין שיינע, אָבער אין דער אמתן האָט ער טאַקע זייער שוואַך געקוילט. ער האָט, אמת, געלייענט גע־דרוקטע שריפט, אָבער שרייבן פלעגט ער מיט גרייזן. אַז ער פלעגט דאַרפן שרייבן צו זיינער אַ כלה — עפעס אַן אָלגאַ יעפימאָוונאַ — פלעגט ער זיך שוין ווענדן צו מיר...

ווי אומפאַרשעמט איז ער אָבער געוועזן, דער לערער מיינער, אַז אויך היינט, אַ פאָר טעג נאָך יענעם אָוונט, ווען ער האָט מיך אַזוי געפייניקט, קומט ער צו צו מיר, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און בעט מיך אָנשרייבן אַ בריוו. ביי אים, — חורט ער איבער זיין תירוץ, — איז די האַנטשריפט אַ מיאוסע,

— אַ בריוו? — פרעג איך איבער, — אַלץ בעסער ווי אויף די „ברוסיעס"...

יענער האָט געשוויגן.

אַז כ'האָב שוין אָנגעשריבן די ערשטע שורה: „דאַראָגאַיאַ אָלגאַ יעפימאָווגאַ!" — גיט ער מיר אַ קאָמפּלימענט:

— וואָט פּאַטשערק! 1)

— וואָס טויג דער „פּאָטשערק", — זאָג איך אים, — אַז דער עיקר איז דאָ דאָס שפּרינגען איבער דער „קאָבילע"...

ער פאַרשטייט נישט מיין שטאָך און ענטפערט:

— פּראַווילנאָ! פּראַווילנאַ!...

— אַ סאָלדאַט, — זאָג איך ווייטער, שרייבנדיק, — מוז דעם מח זיינעם איבערלאָזן אינדערהיים, איידער ער פאָרט אין קאַזאַרמע...

מיין דאָזיקער שטאָך איז איך שוין יאָ אַריין אין קאָפּ, אָבער איצט איז ער ביי מיר אין די הענט און ער רעאַגירט נישט.

אַז דער בריוו איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ער מיר אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיקע „גרויסמוטיקייט" און געבעטן ביי מיר „פּאַקוריט"... 2)

דעמזעלבן זונטיק האָב איך אויך געשריבן אַ בריוו פאַר מיין „זעמליאַק", דעם יידל. דער בריוו איז געווען צו זיינע עלטערן און כ'האָב אָנגעהויבן מיטן סקאַרבאָוון אָנהייב וועגן „ליבן געזונט" וכדומה... נאָכדעם פרעג איך אים, וואָס ער וויל ווייטער שרייבן? יענער קלערט אַ ווײַלע און דאַן זאָגט ער מיר, כ'זאָל שרייבן, אַז די וואָך זענען מיר אַרויס אין פעלד אויף „פּראָגולקאַ" אויף אַ ברענענדיקן פראָסט פון 40 גראַד און ער האָט אָפּגעפרוירן ביידע אויערן... צוויי סאָלדאַטן זענען פאַרפרוירן געוואָרן צום טויט...

---

1) ס'אַרט פיינע האַנטשריפט.

2) צום רויכערן.

— סטייטש?! — שטעל איך אָן אויף אים אַ בליק פון פאַרוואונדערונג.

— שרייב, שרייב! — זאָגט ער דערהאַלב-פאַרשעמט, — זאָלן זיי נישט מיינען, אַז מיר שפּילן זיך דאָ... וואָס אַרט דיר, שרייב...

מילא, שרייב איך... אַ ברירה האָב איך?

— נו, וואָס ווייטער? — פרעג איך, — וואָס איז נאָך געשען?...

— שרייב, — זאָגט ער, גאָרנישט קלערנדיק (אפּנים, עס איז שוין געווען אָפּגעקלערט פון פריער), — שרייב, אַז שבת איז מען געגאַנגען אויף „סטריעלבאַ"1) און איך בין געווען דער ערשטער שיסער און געקריגן פון קאָמאַנדיר-פּאָלקאַ אַ מאַנדאַל...

— אַ „מאַנדאַל"?...— פרעג איך איבער, שמייכלדיק — אַ זילבערנעם, אָדער אַ גאָלדענעם?...

— שרייב אַ זילבערנעם זייגער...

— גוט, גוט, שוין אָנגעשריבן. וואָס נאָך, אַ שטייגער, שרייבן?

כ'קאָן זיך נישט באַהערשן פון לאַכן.

— וואָס אַרט דיך, — פאַרענטפערט ער זיך פאַר מיר— אַ דאגה האָסטו... זאָלן זיי דאָרט אָלעמען דערציילן...

— אדרבה, אדרבה... קאָנסט נאָך עפּעס שרייבן, אויב דו ווילסט...

— גענוג אויף היינט...

— זאָל זיין גענוג...

געענדיקט מיט מיין „זעמליאַק", קומט-צו צו מיר עפּעס אַ פויער פון ווייסרוסלאַנד. ער דערלאַנגט מיר אַ כעמישע בליי-פעדער מיט אַ בייגעלע פּאַפּיר, כ'זאָל שרייבן אַ בריוו צו זיין ווייבל אין דאָרף.

---

1) שיסן.

— וואָס ווילסטו, — זאָג איך צו אים, — כ׳זאָל פאַר־שמוצן מיין צונג מיט דער בלייפעדער? שטעק אַרויס דיין צונג...

דער פויער האָט אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע קעלבערנע צונג און איך האָב געטונקט אין דער צונג און געשריבן, גע־טונקט און געשריבן...

— ווי לאַזטו עפעס איבער אַ יונג ווייבל אין דאָרף? — פרעג איך אים, — ווייסט נישט, אַז עס דרייען זיך דאָרט אום יונגע כלאָפּצעס?...

— אַ ברירה האָב איך געהאַט?

— אַז מ׳גייט דינען, האָט מען פריער נישט חתונה.

— כ׳האָב געמוזט... — ענטפערט ער פאַרשעמט.

— פאַרוואָס האָסטו געמוזט?

— ווייל... ווייל זי האָט געבוירן אַ קינד... האָבן מיך ביידע טאַטעס, — מיינער און אירער, — געצוואונגען...

— אויב אַזוי, איז מיר שוין קלאָר...

— און טאָמער, — פרעג איך ווייטער,—ווייסטו, קומענדיק אין אַ פּאָר יאָר אַרום, געפינען נאָך אַ שפּאָגל־ניי קינד?...

— פּלעט איך איר מיט אַ האַק דעם קאָפּ! — רופט ער אויס, קלאַפּנדיק מיט דער האַנט אויפן ברוסט,—יעי באָגו...

אָפּטערנדיק די בריוו, הויבט איך אָן „געניסן״ פון די פרייע שעהן. דער עולם קלייבט זיך גרופּקעסווייז. מ׳רעדט, מען דערציילט. יידן „מאַכן שבת פאַר זיך״. כ׳פּרוּאוו צוגיין צו איין רעדל יידן, צו אַ צווייטן — ס׳איז אָבער נישט געווען מיט וועמען זיך צודורכצושמועסן. די אַלטע יידישע סאָלדאַטן באַרי־מען זיך אינם רעדל פאַר די יונגע, ווי אַזוי זיי באַרן־אָפּ „פּאָ־ניען״, ווי אַזוי זיי דרייען זיך אַרויס פון „זאַניאַטיעס״ און ליגן־אָפּ גאַנצע טעג אין שטאַט. דידאָוקעס באַרימערייען דער־גייען ביז לעכערלעכקייט. אַזוי, למשל, דערציילט איינער, אַז שטייענדיק יענע וואָך אויף „קאַראַאול״ אין אַ פּראָסטיקער און

חינטיקער נאַכט הינטערן שטאַט ביי די פולווער-סקלאַדעס, האָט ער נישט געקוקט אויף קיין גליקן און אריין אפשר אויף אַ שעה צייט אין „בודקע"...

— אין דר'ערד האָב איך „פּאַניען!" — האָט ער נאָך אויסגערופן מעשה-העלד.

— אָ-וואַ! אָ-וואַ! טאַקע אַ גבור!... — רופט אויס מיט איראָניע איינער, פרידמאַן, אויך אַן „אַלטער", — ווייסט איר, קינדער, ווי אַזוי איך נאָר אָפּ „פּאַניען?" שוין דריי וואָכן ווי כ'בייט נישט קיין העמד... פּאַניען אויף צו להכעיס... אין דער ערד האָב איך אים!...

דער עולם שיסט אויס אין אַ געלעכטער. פרידמאַן דער-ציילט ווייטער, אַז אַלס „באַוואָבראַניעץ" פלעגט ער אַלע אָוונט ביי די „פּיעסניעס" אַ מכה זינגען... בעת אַלע פלעגן היילכן ווי די שכורע גויים, פלעגט ער גאָר בשעת מעשה זאָגן „והוא רחום"...

דערדאָזיקער פרידמאַן — אַ סטאָלער פון דערהיים — איז באמת געווען דער לץ פון ראָטע. ער איז געווען פון מי-טעלער וואוקס, מאָגער און מיט עטוואָס איינגעצויגענע אַקסלען, וואָס די קאַזאַרמע האָט זיי פאַר זיינע צוויי יאָר דינסט נאָך אַלץ נישט באַוויזן אויסצוגלייכן... אַ לאַנגע, שאַרפע נאָז און אַ פּנים פול זומער-שפּרינקעלעך. אויגן העלע, שטענדיק לאַכע-דיקע. אַז ער פלעגט נאָר אויסרעדן אַ וואָרט, פלעגט מען שוין לאַכן. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ סך אַקטיאָרישע שטיק און איז געווען אַ זעלטענער נאָכמאַכער און נאָכקרימער פון יענעמס גיין, יענעמס שטיין און יענעמס שטים. אַמבעסטן פלעגט ער נאָכמאַכן דעם „באַטאַליאָני". דער „באַטאַליאָני" — אַ מאַ-יאָר — האָט געהאַט אַ קליין, נידעריק קאָמיש פיגורל און אַ דיסקאַנטא-שטימעלע, און בעת ער פלעגט אַמאָל פאַרבייגיין דעם „סטראָי" און דיריגירן מיטן הענטל, פלעגט מען זיך קוים איינהאַלטן פון געלעכטער. פרידמאַן פלעגט אים קאָפּירן אויס-

געצייכנט, ווי אַן עכטער אַקטיאָר: אַט לאָזט ער זיך אַראָפּ נידעריק, פאַרבויגנדיק די קני, פאַררייסט אין דער הויך דעם קאָפּ און מאַכט-נאָך פונקט יענעמס העוויות, פאָכענדיק מיטן הענטל אויף זיך און נאָכקרימענדיק יענעמס שטים: „נאַ מעניאַ, נאַ מעניאַ, נאַ נאַטשאַלניקאַ!“... ס'הייסט, אַז אַלע סאָלדאַטן זאָלן אים באַגלייטן מיט די בליקן. און פּלוצלונג לאָזט פרידמאַן אַרויס אַ געשריי איבער דער גאַנצער ראָטע — ממש דעם באַטאַליאָניס געשריי:

— זדראַאָווי, רעביאַטאַ!!!

אַ שטורם פון געלעכטער פאַרהילכט אַלע ווינקעלעך אין קאַזאַרמע, וואו נאָר עס זיצן זונטיקדיקע רעדלעך סאָלדאַטן.

— בראַוואָ, פרידמאַן!

— מאָלאָדיעץ!

אין די יום-טוב-טעג כאַפּט מען זיך אויך אַריין אין דעם סאָלדאַטישן „גראַנד-קאַפע“ — אין „טשאַינאַיאַ לאַוואָטשקאַ“, וואו מ'קען אַראָפּלאָזן אַ פּאָר קופערנע צענערס אויף „דאַרע קיש-קע“, „סאַלאַ“, ווייס-ברויט און פּאַפּיראָסן. אין דערדאָזיקער „לאַוואָטשקאַ“ איז זונטיק געפּאַקט. אַ געדיכטער רויך-נעפּל פון מאַכאָרקע פילט-אָן דעם גאַנצן רוים. דאָ טרעפן זיך „זעמליאַ-קעס“ פון פאַרשיידענע ראָטעס. מ'רעדט, מ'פרעגט זיך אויס ווי הויך ס'איז אין דער אַנדערער ראָטע דער „טורניק“, ווי לאַנג ס'איז די „קאָבילע“ וכדומה... מ'ווערט געוואויר, אַז אומעטום איז איין וועלט; אומעטום האָט „פּאָניע“ דעמזעלבן ריח... אין דעמדאָזיקן געוועלבל שליסט מען אויך באַקאַנטשאַפט און מען שפּירט בישט אַ ווײַלע די שווערע דריקנדיקע לופט פון דער קאַזאַרמע...

אַביסל שפּעטער, אַז מ'האָט שוין גוט געקאָנט די „תורה“ פון אָפּגעבן „טשעשטש“ און שטעלן זיך „מאָלאָדצאָוואַטאָ“ „אין פראָנט“ פאַר אַ גענעראַל, האָט מען געקאָנט זונטיק גיין מיט אַ קאָמאַנדע אין שטאָט אַריין. געגאַנגען איז מען צום באַזאַר

אין צענטער שטאָט. דאָרט פלעגט מען אונז אָפּלאָזן אויף אַ 2—3 שעה און איטלעכער פלעגט קאָנען גיין וואוהין זיין האַרץ גלוסט. אָבער, מ'שטייגסגעזאָגט, צו וועמען ?... אַ פרעמדע שטאָט און דערצו נאָך אין קאַזיאָנע בגדים. מענטשן ציווילע — האָב איך באַמערקט — איגנאָרירן דאָ סאָלדאַטן, קוקן אויף זיי פון אויבן אַראָפּ און האָבן מיט זיי קיין מגע-ומשא נישט. און כאָטש אין דערדאָזיקער באַציִאונג זענען אין תוך שולדיק מיינע קאַזאַרמע-חברים (ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי ליגט מען זיך...), נישט איך, — פונדעסטוועגן האָב איך אויך געמוזט ליידן צוליב אַלעמען, און כ'האָב גאָרנישט געקאָנט חלומען אַפילו וועגן שליסן מיט עמעצן אין שטאָט באַקאַנטשאַפט. פלעג איך זיך דרייען, בלאָנקען אין גאַס און אַריינכאַפּן זיך לסוף אין אַ „טשאַינע", וואו מען פלעגט נאָר טרעפן „איזוואָזשטשיקעס", טרעגער און סאָלדאַטן...

פאַר דידאָזיקע יום-טוב-טעג מיט דער ביסל בלומרשטער פרייהייט פלעגט מען פריער מוזן באַצאָלן מיט „שוואַרצע" ערב-יום-טובס: באַלד נאָכן „אַביעד" פלעגט מען זיך נעמען מאַכן יום-טובדיק אין קאַזאַרמע. דאָס ערגסטע איז געווען דאָס וואַשן די פּאָדלאָגעס. פאַרשטייט זיך, אַז טאָן פלעגן עס נאָר די יונגע. שעהן נאָך שעהן פלעגט מען ליגן אויף אַלע פיר און שייערן און רייבן דער שמוץ, וואָס איז אין משך פון אַ גאַנצער וואָך איינגעגעסן געוואָרן אין די ברעטער. רייב און רייב. די פּאָדלאָגעס זענען וויאָרסטן-לאַנג און מען מוז אַלץ מאַכן געל, ווי שפּאָגל-ניי...

די אַלטע סאָלדאַטן פלעגן זיך אַדורכגיין און מאַכן חוזק:

— טרי! טרי!(1)

— טרי! טרי!... מיר האָבן אַמאָל אויך אַזוי געריבן...

דידאָזיקע אַרבעט פלעגט דויערן ביזן אָוונט און ערשט

1) רייב, רייב!

דאַמאָלס פלעגט מען קאָנען אויסגלייכן דעם רוקן פון לאַנגן „שווּצן״ אויף אַלע פיר... די פּראַוואָסלאַוונע פלעגן אַוועקגיין מיט אַ קאָמאַנדע אין צערקווע אַריין און די איבעריקע — ווער אין „טשאַינאַיאַ לאַוואַטשקאַ״, ווער אין די ווינקעלעך אין באַזונדערע רעדלעך.

אין אַזאַ אָוונט האָב איך איינמאָל געפּרוּאווט אַרויסנעמען פון קעסטל לערמאַנטאָוון... דער „ווזוואָדני״ האָט עס באַמערקט און איז גלייך צוגעקומען, זען וואָס פאַר אַ בוך איך האַלט עס. כ׳האָב אים אַ ווייז-געטאָן דעם שער-בלאַט. אָבער פאַר אים איז עס נאָך געווען ווייניק.

— איך מוז אַדורכקוקן פריער, צי מ׳מעג אַזאַ בוך האַלטן, — דערקלערט ער מיר און נעמט עס צו פון מיר.

כ׳האָב געלאַכט אין געדאַנק: „אָרימער לערמאָנטאָוו! דער „ווזוואָדני״ האָט צו דיר קיין צוטרוי נישט און גייט זיך ערשט באַקענען מיט דיר״...

— האָסטו נאָך ביכער? — פרעגט מיך שטרענג דער „ווזוואָדני.״

— נאָך איין באַנד — לערמאַנטאָווס, גאָספּאָדין אונטער-אָפיציר!

— ווייז אַהער, שנעל!

כ׳נעם אַרויס פון קעסטל און דערלאַנג אים.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געמאָלדן, אַז דו האָסט ביכער?

— כ׳האָב נישט געוואוסט, אַז מ׳דאַרף, גאָספּאָדין אונטער-אָפיציר!

— היינט ביינאַכט וועסטו שטיין דערפאַר אַלס „דניע-וואַלני״!

— סלושאַיוס, גאָספּאָדין אונטעראָפיציר!

די ביכער האָב איך שוין מער נישט אָנגעזען פאַר די אויגן. נישט איך האָב געוואַגט צו פרעגן אים וועגן זיי, צי ער האָט זיי געכשרט, נישט ער האָט מיר דערמאָנט... אָבער

אַלס „דניעוואַלני״ בין איך יענעם זונטיק ביינאַכט יאָ געשטאַ־
נען... כ׳בין אומגעגאַנגען מיטן „שטיק״ ביי דער זייט צווישן
אַ קאַזאַרמע שלאָפנדיקע סאָלדאַטן, געבלאָנקעט הין און צוריק
איבער די ריזיקע, מיט סם המות אָנגעזאַפּטע, חדרים און גע־
טראַכט : „גרויסער לערמאָנטאָוו ! האָסט דאָך אַמאָל אויך גע־
טראָגן אַ רוסישן אָפיצירן־מונדיר — שעמסטו זיך ניט איצטער
אין קבר ?״ — — —

X. „זכרונות‟ פון אַ פּאָגראָם־העלד

אַן אַנדער זונטיק.

נישט ווייט פון מיר זיצט אַ רעדל — נישט קיין יידן — און איינער דערציילט עפּעס. כ׳בין געזעסן אויף מיין קעסטל און געפּוצט די מעשענע קנעפּ פון מיין שינעל. פּלוצלונג דערהער איך דאָס וואָרט: „זשידי״... ס׳פּאַראינטערעסירט מיך און כ׳הער מיר צו.

איינער אַן „אַלטער״ סאָלדאַט, אַ כאַכאָל, טאַקע אַ זשיטאָמירער גופא, אַ הויכער, דראָנגעוואַטער שייגעץ, מיט אַ קורץ פּנימל, קליינע וואַסערדיקע אויגלעך, דערציילט האַלב אין רוסיש, האַלב אין אוקראַיִניש, אין אַ באַרימערישן טאָן, ווי אַזוי מ׳האָט דאָ אַמאָל געשלאָגן „זשידעס״... איך שטויס מיך אָן, אַז ער רעדט עס וועגן פּאָגראָם אין זשיטאָמיר נאָכן 1905-טן יאָר...

— האָב איך גענומען, — באַרימט ער זיך, — אַזאַ טיטשינע, אַ לאַנגע, סענקעוואַטע, און אויפן שפּיץ האָב איך אַריינגעהאַקט אַ שטעכעדיקן טשוואָק... נו, נו, פּרעגט שוין גאָרנישט. כ׳האָב געהאַקט איבער די קעפּ, איבער די קעפּ... וואו נאָר

כ׳האָב געטראָפן אַ זשיד — איז וואַליאַי! ראַז אי דוואַ! ראַז אי דוואַ!...

ס׳האָט מיך געהויבן אין דער לופטן און כ׳רוף מיך אָפּ פונדערווייטנס:

—ווען אַ קויל טרעפט דיך דאַן, וואָלסטו איצט אַזוי נישט גערעדט...

לאַכנדיקע פנימער פון יענעם רעדל האָבן זיך צו מיר אויסגעדרייט. בלויז זיין פנים, דעם באַרימערס, איז געווען מלא רציחה. זיינע וואַסערדיקע אויגלעך האָבן מיך אַדורכגעשפּיזט מיט ווילדקייט.

— אַ זשיד האָט זיך אָפּגערופן! — טוט ער אויף מיר אַ וויַז אַ פויסט: — דיין גליק, וואָס דו ביסט דאַן נישט געווען. וואָלסט פון מיר אויך געכאַפּט איבערן קאָפּ!

— אפשר וואָלט איך גאָר דיך דערשאָסן ווי אַ הונט?— נעמט מיך אָן אַ חשק מיט אים זיך צו רייצן.

דאָס האָט אים טאַקע אינגאַנצן צעקאָכט דאָס בלוט, און אָנגעצונדן ווי אַ חיה, טוט ער זיך אַ וואָרף אין מיין זייט מיט געבײַלטע פויסטן:

— מאַלטשי, זשיד!!![1]

— מאַלטשי, כוליגאַן!

כ׳בין גרייט געווען צו אַ סקאַנדאַל. פאַרפאַלן: אויב איך מוז זיין אונטערטעניק מיינע אַלע עלטסטע, וועט זיי זאָלן נישט זיין — דאַרף איך דאָך אָבער נישט מורא האָבן פאַר אַ פשוטן סאָלדאַט אָן איין בענדל אפילו. יענער איז שוין טאַקע געווען נעבן מיר און האָט זיך שוין געהאַט פאַרמאָסטן אַ קלאַפּ־צו־טאָן; איז אָבער אינמיטן אויסגעוואַקסן אַ זייטיקער, אַ ליטווינער, וועלכער האָט אונז ביידן פאַנאַנדערגעשפּאַרט. מיר אויך צו להכעיס איז דער כאכאל אַוועק צום רעדל און גענומען ווײַ־

---

1) שווייג, זשיד!

טער דערציילן נאָך מער פּרטים, ווי אַזוי בלוט האָט זיך געגאָסן, ווי אַזוי זיי האָבן געקעמפט מיט אַרבעטער און סטודענטן — (אַפּנים, „זעלבסטשוץ״, בין איך מיר משער) — און ווי אַזוי ס'איז געווען „פריילעך״...

דער ליטווינער איז נאָכדעם צו מיר צוגעגאַנגען און פאַרבונדן מיט מיר אַ שמועס. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז גראָד אַ מענטש מיט אַ צאַרטער, פיינער נשמה — אַן אמתער אינטעליגענט. אין דער היים — אין קאָוונע — איז ער געווען אַ שריפטפירער אין אַ ביורא. דאָ אין קאַזאַרמע פילט ער זיך אויך פרעמד און דערשלאָגן אפשר נישט ווייניקער פון מיר און האָט דאָ מיט קיינעם קיין שום געמיינזאַמעס נישט. שוין אַ יאָר צייט, ווי ער לעבט דאָ אין גלות... כ'האָב עס טאַקע אַרויסגעלייענט פון זיינע שוואַרצע, גוטע, פייכטלעכע אויגן... ער האָט מיר אויך פאַרטרויט, אַז לויט איבערצייגונג איז ער אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, און אין דערהיים פלעגט ער אַפילו פאַרלייענען פאַר אַ קרייזל קאַרל טאַרקס' „קאַפּיטאַל״, אָבער דאָ אין קאַזאַרמע מוז מען אַלץ דערשטיקן אין-זיך און וואַרטן...

דערדאָזיקער ליטווינער — יוספּייטיס איז געווען זיין נאָמען — איז פאַר מיר געווען אַן אמתער געווינס. פאַרוואָס האָב איך אים גלייך ביים אָנקומען אַהער נישט באַמערקט? דער גרויער שינעל ציט אָן אויף אַלעמען איין מאַסקע און — — „אַלע יונים האָבן איין פּנים״... דערפאַר אָבער פון איצט אָן, ווען נאָר מיר פלעגן האָבן אַ פרייע רגע, פלעגן מיר זיצן ערגעץ צוזאַמען אין אַ ווינקל פון קאַזאַרמע און אויסגיסן די הערצער איינער פאַרן אַנדערן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען זייער באַהאַוונט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. אַממערסטן האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט צו באָדלערן און שטענדיק פלעגט ער מיר ציטירן גאַנצע פערזן פון זכרון.

יוספּייטיס האָט צווישן די יונגע „נאָוואָבראַנצעס״ פון מיין יאָר דערטאַפּט אַן אינטערעסאַנטן טיפּ, אַ באַפּטיסט, מיט ווע-

מען ער האָט מיך אויך באַקענט. דערדאָזיקער באַפּטיסט איז געווען אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער, מיט אַ גרויסן שטערן און געדיכטע שוואַרצע ברעמען איבער גרויסע טונקעלע אויגן; איי־ביק אַ שמייכלדיקער און גוטמוטיקער, בטבע אַן ערלעכע, פֿרומע נשמה. שטענדיק פֿלעגט ער ריידן מיט ציטאַטן פֿון די אַפּאָסטאָלן און אַפֿילו מיט פּסוקים פֿון תהלים... וועגן די יסורים און ענויים פֿון קאַזאַרמע פֿלעגט ער זיך אָפּרופֿן מיט ביטול און גלייכגילטיקייט.

— די קאַזאַרמע, — האָט ער מיט זיין שטענדיקן שמייכל געטענהט, — איז אַ טייער אָרט פֿון לייטערונג... די נשמה קאָן דאָ ווערן אַזוי ריין, ווי זי איז געקומען אויף דער זינדיקער ערד... זי קאָן דאָ, הייסט עס, נאָר געווינען און נישט פֿאַרלירן. ווי שטייט אין עוואַנגעליום?...

און ער ברענגט אַ גאַנצן ציטאַט וועגן דער באַדייטונג פֿון יסורים אויף דער ערד... אַזוי ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געשאָטן מיט ציטאַטן און פּסוקים...

אין ראָטע אָבער האָט מען פֿון אונז אַלע דריי נישט געהאַלטן: נישט פֿון מיר, נישט פֿון יוספֿייטיסן און נישט פֿון דעם באַפּטיסט...

XI. די „דינסט־מיידן" פון ראָטע

ס'האָט זיך מיר געמאַכט אַמאָל אַ וואָך, ווען מען האָט מיך פאַרוואָרפן מיט „נאַריאַדן" — אַלע טאָג אַ „כּיבוד": איין טאָג — „דניעוואַלני" בײַנאַכט; דרײַ טעג, אײַנע נאָך די אַנדערע — „אָטשערעדנאָי", איין טאָג אונטערן ביקס צו שטיין, און די איבריקע פּאָר טעג — סתּם אויף כּלערליי „שוואַרצע" אַרבעטן... כ'בין געוואָרן, לויט די רייד פון מיין נייעם חבר, דעם באַפּטיסט — איינגאַנצן אַ „געלייטערטער"...

מיינע עלטסטע אין ראָטע האָבן מיר כּסדר געשטעלט אַלס פאַרקערטן בײַשפּיל טאַקע מיין „זעמליאַק", דעם יידל פּאַיאַס.

— כאָטש אַ זשידיאָנאָק, — האָבן זיי געזאָגט וועגן אים, — פונדעסטוועגן אַ מאָלאָדיעץ! ווי ער טאַנצט איבער דער „קאָבילע" — אַ מחיה צו קוקן! ווי ער דרייט זיך איבערן „טורניק"! ווי ריין ער שטעלט זיך אויף די פּאַראַלעל-„ברוסיעס"! פּראַווילני סאָלדאַט!.. אָבער דו... ני טשערטאַ! אַ פאַרפאַלענער מענטש!

זוי האָבן זיי געטענהט, מיינע „נאַטשאַלסטוואָ", און מיר כסדר צוגעוואָרפן „נאַריאַדן". די הענט זענען ביי מיר געוואָרן ווי ביי אַן אמתער קבצן... די הויט צעשפּאָלטן, רויט, מיט איינגעגעסענעם שמוץ אין די הויט-קעמערלעך. טאָג-טעגלעך, צווישן און נאָך די איבונגען — האַק האָלץ, שלעפּ וואַסער, רייניק, שייער, רייב!...

אין אָוונט בין איך באַשטימט געוואָרן אין קיך צו שאָבן פישלעך און שיילן קאַרטאָפל... געקומען אין קיך, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן נאָך אַ סאָלדאַט פון אַן אַנדער ראָטע — אַ יידל אין ברילן, וועלכער איז אַזש פון ריגע געקומען אַהער שאָבן פישלעך און שיילן קאַרטאָפל...

כ'טו אַ קוק — עס וואַרט אַ גאַנצער קויש דראָבנע פיש-לעך און אַ זאַק קאַרטאָפל...

— דאָס אַלץ? — פרעג איך דעם „קאַשעוואַר"1), וועל-כער פאָרעט זיך ביים ריזיגן קעסל.

— דאָס אַלץ — ענטפערט יענער.—נישקשה, פאַרן גאַנצן באַטאַליאָן איז עס קוים אויף צו באַלעקן זיך...

עס ווערט מיר זויער און ביטער...

כ'קוק-אָן מיין שותף אין די ברילן — יענער האָט אויך אַזאַ זויערע מינע ווי איך...

— נו?... — ווינק איך צו אים.

— נו?... — ווינקט יענער צו מיר.

— מיר הויבן-אָן?... — זאָג איך.

— ניקס צו מאַכן, מיין ליבער! — ענטפערט מיר יע-נער אין דייטש, ווי אַן עכטער ריגער.

פריער האָבן מיר זיך גענומען צום קויש פישלעך. עפּעס אַזעלכע דראָבנע, קלייניטשקע... מיין שותף האָט זיי געפּרואווט נעמען צו דער נאָז...

1) קאַשע-קאָכער.

— כ'קאָן שווערן, אַז זיי זענען שוין זייער לאַנג פּונידערהיים...

איך טו אויך אַ שמעק.

— אָ, זיי האָבן שוין אפשר אַ וואָך צייט נישט געמאַכט קיין „שהכל" איבער וואַסער...

די נאַכט רוקט זיך און מיר שאָבן...

מיר שאָבן און שאָבן... מיר זענען שוין אינגאַנצן באַשפּריצט מיט די קלעפּיקע שופּן — פון קאָפּ ביז די פיס. מיין שותּף פּנים זעט אויס ווי באַשאָטן מיט אַזאַ מין צרעת... און מיינס אויך אַזוי, מסתמא...

— זאָגט נאָר, — פרעג איך — אין ריגע האָט איר אויך געשאָבן פיש?...

— פאַרפלוכטער „פּאַניע"! — רופט ער אויס אין גרויס גרימצאָרן — דאָנערוועטער!!

נאָך האַלבער נאַכט זענען מיר קוים פאַרטיק געוואָרן מיטן קויש פישלעך און זיך גענומען צום זאַק קאַרטאָפל. דער באַטאַליאָן סאָלדאַטן, פאַר וועמען מיר האָבן איצט געגרייט דעם „אָביעד", איז שוין לאַנג געלעגן אויף די נאַרעס, און מיר האָבן פאַר אַ טונקעלער שיין פון אַ נאַפט-לעמפל געשיילט און געשיילט, און געשיילט... אמת, ביי די קאַרטאָפל האָבן מיר אויך „אָפּגענאַרט פּאַניען" (פּונקט ווי עס באַרימען זיך די אַלטע סאָלדאַטן): מיר האָבן נישט געשיילט, נאָר געהאַקט ווי אין קרויט אַריין... מער ווי אַ העלפט איז געגאַנגען מיט די שאָלעכטס... זאָלן די בהמות אויך הנאה האָבן פון זייער לעבן...

שפּעט אין דער נאַכט איז אויף מיין שותּף אָנגעפאַלן אַ שלאָף און ער האָט גענומען וויגן מיטן קאָפּ... דאָס מעסער מיטן קאַרטאָפל זענען אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן...

— העי, טאָוואַרישטש, אַ גוטע נאַכט! — שריי איך אים אַריין.

יענער טוט אַ ריס־אויף די אויגן און קוקט מיך אָן תמע־װאַטע.

— וואָס האָט זיך אייך געחלומט?... — פרעג איך אים אין שפּאַס, — איר האָט אוודאי געזען ריגע... דאָ איז די קיך פון דריטן באַטאַליאָן, פון 17־טן אַרכאַנגעלאָגאָראָדסקי פיעכאָטע־פּאָלק...

— אַי, געדענק איך! — קרעכצט יענער, — הלוואי וואָלט איך עס גאָרנישט דערקענט... דאַננערוועטער!...

ער האָט זיך אויסגעווישט די ברילן און זיך ווידער גע־נומען צום שיילן. —

— ווי איז עס? — פרעג איך, — דורך אייערע ברילן זענען די קאַרטאָפל קלענער אָדער גרעסער?...

— דאַננערוועטער! — רופט־אויס מיין ריגער „דייטש״!— איך האָב געמיינט, אַז אַדאַנק זיי, אָט דידאָזיקע ברילן, וועל איך באַפרייט ווערן, צום סוף...

— צום סוף, — פאַרענדיק איך, — שיילט איר דורך זיי קאַרטאָפל...

מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט אפשר זייגער דריי בײ־נאַכט. איך האָב קוים באַוויזן איינצושלאָפן אויף מיין האַרטן בעלעגער און שוין — מען וועקט:

— ווסטאַ—אַ—ט!...

דיזעלבע וואָך האָט מען מיר צוזאַמען מיט מיין „זעמליאַק״ באַיאַס און דעם באַפּטיסט „אריינגעהאַקט״ גאָר אַ בכבודע מיסיע: „גאָלד־ראַמען״... דער ענין האָט אונז זייער שטאַרק נישט גע־שמעקט, אָבער אַ ברירה האָבן מיר? — „סלוזשבאַ״! — רופט־אויס דער געדולדיקער באַפּטיסט.

מיר האָבן זיך באַוואָפנט מיט כלי־זיין — רידלען און בע־זימער — און אַוועק דאָרט אַהין, אין עק פון קאַזאַרמע־הויף, צו אַ ביידל אָנאַ אָן פענסטער, וואו אַ גאַנצער באַטאַליאָן קומט טאָג־טעגלעך מיט „וויזיטן״...

— נו, — זאָג איך צום באַפּטיסט — איצט וועלן אונזע־רע נשמות שוין איינמאָל געלייטערט ווערן...

ער האָט געשמייכלט מיט זיין שטענדיק גוטמוטיקן שמייכל און געשוויגן. געשוויגן און פּלייסיק „דערפילט זיינע פליכטן פאַרן פאָטערלאַנד"...

— פאַרוואָס — רייד איך צו אים ווייטער און וויל אים ברענגען צום געפיל פון פּראָטעסט, — פאַרוואָס האָט מען גראָד אויסגעקליבן יידן און אַ באַפּטיסט?...

— זיי זענען בלינדע ווי די ווערים! — רופט ער זיך אָן — זיי זענען פאַרבלענדט און זעען נאָר זיך אַליין... ווי שטייט אין עוואַנגעליום?...

און ווידער אַ ציטאַט — ווי אַן אמתער פּרעדיקער...

— איך מיין, — זאָג איך אין שפּאַס, — אַז דאָ איז נישט דער פּלאַץ צו פּרעדיקן... טפוי! טפוי! — שפּיי איך פון עקל... — געוואַלט, איך כאַפּ שוין אַ קאַטער!...

— איר זענט גערעכט, מיין פריינט! — כאַפּט זיך יע־נער. — ניטשעוואָ, מיר וועלן דאָס אויך איבערקומען — טרייסט ער מיך.

— כ'זינדיק גאָרנישט מיט די רייד... אדרבה... קאַפּוסטע גיט מען, קאַשע גיט מען, „פּאָרציעס" אויף שטעקעלעך גיט מען, אַן אומזיסטע „קאָבילע" צום שפּרינגען גיט מען — דאַרף מען לויבן דעם באַלעבאָס פאַר זיין גרויסן הסד...

מיר האָבן אַלע געלאַכט. ס'איז אָבער געווען אַ געלעכ־טער מיט נאָדלען...

— בררררר!

פּאַיאַס ווידער האָט נישט אויפגעהערט צו וואָרטשען און זידלען „פּאַניען" אויפן עכט־סאָלדאַטישן שטייגער:

— פּאַניע גנב, ימח שמו! טפוי זאָל ער ווערן!...

— אפשר, פרעג איך אים, — ווען עס שרייבן אַהיים?...

שרייבּ, למשל, אַז דו האָסט געקריגן אַ גאָלדענעם „מאַנדאַל־פֿאַר... פֿאַר — נו, פֿאַר אַ „גאָלדן" שטיקל אַרבעט...

— פֿאַרברענט זאָל ער ווערן, פּאָניע גנבֿ! — האָט זיך פּאַיאַס געבייזערט מיט דער גרעסטער ערנסטקייט, — פֿע! פֿע! ס'אַרא ריחות! אַ רוח אין זיין טאַטנס, טאַטנס, טאַטן אַריין!...

מיר האָבּן אַלע כּסדר געריכערט און געשפּיגן, געריכערט און געשפּיגן...

XII. אין קאַרנאַוואַל

ס׳איז אָנגעקומען „ראָזשדעסטוואָ״.

מיר, יונגע, האָבן זיך ביטער אויסגעפּייניקט ביי דער „געַנעראַל-אָטשיסטקאַ״ און באַקומען דערפאַר דעם שכר פון צוויי טעג פרייהייט. אָט די יום-טוב-טעג זענען פאַר אונז געווען ווי אַ קרעטשמע פאַר אַ נע ונדניק, וואָס מאַכט דורך אַ לאַנגן, לאַנגן וועג...

די קאַזאַרמע איז דעקאָרירט מיט אַ סך צווייגלעך, לענטעס און ביליקע קינסטלעכע בלומען. דאָרט, וואו די „איקאָנע״ איז, שטייט אַ „יאָלקע״ אין בונטע קאָלירן. דער פּראַוואָסלאַוונער עולם איז געגאַנגען, מיט פּאַראַד אין צערקווע.

דיביידע טעג זענען באמת פרייע. ווער ס׳האָט זיך געווײלט, ווער ס׳האָט פאַרבראַכט אין „טשאַינאַיאַ לאַוואָטשקאַ״ און ווער ס׳האָט צונויפגענומען זיינע געדאַנקען — אויב ער האָט נאָך געהאַט וועלכע שיריים דערפון... „געהאַט״!... ווייל אין דער דאָזיקער פייניגונגס-מאַשין פון קאַזאַרמע האָט אַלץ געקאָנט דערשטיקט ווערן אכזריותדיק... דאָ טאָר מען בכלל נישט קלערן.

טאָמער האָב איך אײנמאָל געזאָגט מײן לערער פון טולא אַ פראַזע: „יאַ דומאַל"1), האָט ער מיר תיכף איבערגעשלאָגן:

— קאַקאָווא טשאָרטאַ „דומאַל"! דומאַיוט אינדיסקיע פּיע־טוכי, דאַ וואָראָן נאַ סוויניע...2)

אין דידאָזיקע טעג האָב איך פיל פאַרבראַכט, גאַנצע שעהן, מיט יוספּײטיסן און מיטן באַפּטיסט. מיר האָבן גערעדט און גערעדט און זיך אויסגערעדט פאַר דער גאַנצער צײט, ווי אמתע פרײנט.

צום „קאַרנאַוואַל" האָט מען אײנגעאָרדנט אַן אמתע שמחה אין ראָטע. עס זענען אַפילו געווען אַנוועזנד דער „ראָטני" און ביידע פּאָרוטשיקעס — די „פּאָלוראָטניע". דער „ראָטני" ד'האָט באַזאָרגט פון זײן וואוינונג אַ גראַמאָפאָן, וועלכער האָט אַ גאַנצן אָוונט נישט אויפגעהערט צו קרײען... מאַרשן, דאָרפישע טענץ און האָפּקעס. דער עולם סאָלדאַטן אין „פּאָרלעך" האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען, שיער וואָס די פּאָדלאָגע איז נישט צוזעצט געוואָרן. אַחוץ דעם גראַמאָפאָן האָט זיך נאָכדעם אויך באַוויזן אַ האַרמאָניק, וועלכער האָט זיך צעגאָסן מיט דער גאַנצער דאָרפישקײט. עס זענען געווען אַביסל בגילופינדיקע אויך — לכבוד „קאַרנאַוואַל" — און די שמחה איז געווען פאַרפול. דער „לץ" פון ראָטע — פרידמאַן — איז אינמיטן דערשינען אַלס איבערגעטוענער שכורער פויער מיט אַ פלעשל אין האַנט. אַ צווײטער סאָלדאַט האָט זיך איבערגעטאָן אין אַ קלײד מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ: דעם שכורס ווײב... פרידמאַן האָט אַוועקגע־לײגט אַ גאַנצן מאָנאָלאָג, פון וואָס דער עולם האָט געקײכט פון געלעכטער. אַפילו די אָפיצירן האָבן אויך באַוויליקט צו שמײכלען...

---

1) כ'האָב געקלערט.

2) צו וועלכן רוח „קלערסטו". עס טראַכטן נאָר אינדישע הענער און אַ קרע אויף אַ חזיר.

נאָך דערדאָזיקער „אַטראַקציע" הער איך אַזאַ שמועס צווישן די אָפיצירן:

דער „ראָטני" (צו דיביידע פּאָרוטשיקעס): — נו, גאָס־פּאָדאַ אָפיצערי! נאַם פּאָראַ! 1)

איין פּאָרוטשיק: ווען הויבט זיך אָן אונזער באַל אין „אָפיצערסקאָיע סאָבראַניע"?

דער צווייטער פּאָרוטשיק: פּונקט צען אַזייגער.

דער „ראָטני": מ'דאַרף זיך שוין גיין איבערטאָן.

דער ערשטער פּאָרוטשיק: ס'וועלן זיין היינט אַ סך דאַמען.

דער צווייטער פּאָרוטשיק: טאטיאַנאַ דעמידאָוונאַ וועט אויך זיין.

דער ערשטער פּאָרוטשיק: אַנגאַ פּיאָדאָראָוונאַ האָט מיר אויך צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיין.

דער צווייטער: טשטאָ ווי גאַוואָריטיע? עטאָ נאַסטאָיאַש־טשאַיאַ קראַסאָטקאַ! 2)

דער ערשטער: אירע אויגן! איר מײַלכל!

דער צווייטער: אירע פּיסלעך!

דער ערשטער: קאַקאַיאַ פּרעלעסט! 3)

דער צווייטער: טשודעסנאַיאַ! 4)

דער „ראָטני": כע־כע, ס'אַראַ דאָן־זשואַנען איר זייט!

דער ערשטער: די יוגנט! די יוגנט רייצט!...

דער צווייטער: ווי קאָן מען עס ריידן גלייכגילטיק וועגן אַזאַ מלאכל ווי אַננאַ פּיאָדאָראָוונאַ!

דער „ראָטני": בראַווילנאָ, בראַווילנאָ! יאַ וופּאָלניע סאָגלאַסען... 5)

---

1) פאַר אונז איז שוין צייט!

2) וואָס רעדט איר? ס'איז דאָך אַן אמתע שיינהייט!

3) ס'אַראַ פּראַכט!

4) אַ וואונדערבאַרע!

5) כ'בין פולשטענדיק מסכים.

דער ערשטער: נו, און טאַטיאַנאַ דעמידאָווגאַ?... אַן!...

דער „ראָטגני”: גאַספּאָדאַ אָפּיצערי! פּאָראַ!...

די אָפיצירן האָבן „ליקווידירט” דעם גראַמאָפאָן און זע־נען אַוועק קלינגענדיק פריילעך מיט די שפּאָרן. כ׳האָב מיט די בליקן באַגלייט זייערע בראַווע עלעגאַנטע פיגורן און אין מיר האָט זיך צעצונדן אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט: זיי גייען עס אויף אַ באַל... מוזיק... שאַמפּאַניער... פרויען... טענץ... אַ צאַר־טער דרינגענט-דרוק... אַ שמייכל... אַ ברענענדיקער בליק... אַ שטומער רמז אויף גליק... — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ׳בין אַרויס אויפן קאַזאַרמע-הויף. אַ שטייפע פראָסטיקע נאַכט. פון טונקעלן הימל ווינקען וואו-נישט-וואו גרויסע שטערן מיט בלויען כשוף, גלייך ווי בריליאַנטענע רינגען אויף קליינע צאַרטע שניי-ווייסע פרויען-פינגער — — —

הימל! ווען ענדיקט זיך מיין גיהנום?...

XIII. די „דריי זיילן"...

מיינע קאזארמע-לערער האָבן מיט שטיינערנער גלייכגיל-טיקייט פארלאנגט פון מיר: „אָדער פאל, קום-אום, אָדער זיי א סאלדאט!..." און אלץ האָט זיך עס געהאנדלט וועגן די דריי פארשאָלטענע זאכן: „קאבילע", פאראלעל-„ברוסיעס" און טויטן-שפרונג פון „טורניק"...

פארשטייט זיך, אז אין ראָטע האָבן זיך געפונען נאָך אזעלכע דריי-פיר „שלימזלס", ווי איך — א פאָר יידן און אויך דער באפטיסט, — וועלכע זענען געוועזן אין די איבערי-קע „וווזוואָדן", און אויך זיי האָט מען אָנגעטאָן געברענטע צרות ווי מיר...

איינמאָל איז ביי דער „קאבילע" געשטאנען דער „ראָטני" אליין. כ'האָב זיך דערמאָנט אָן דער ערשטער מענטשלעכער באגעגעניש מיט אים אין קאזארמע און האָב געמיינט, אז ער וועט אנדערש פארשטיין דעם ענין... לסוף — ער קען מיך גאָרנישט!... זעענדיק, אז כ'בין נישט אזא קונצן-מאכער ביי דער „קאבילע", האָט ער גענומען שיטן מיט „קאָמפּלימענטן"

אויפן עכט-פּאַנישן שטייגער, מיטן זעלבן סטיל כּמעט וואָס מיי-
נע לערער, און מיר באַפוילן צוזאַמען מיט די איבעריקע „שלימ-
מזלס" צו לויפן נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל... דער-
ביי האָט ער געמאַכט אַזאַ מין „וויץ": פאַר מיין לויפן האָט
ער אַרויסגעצויגן די שווערד און זי אַוועקגעלייגט מיטן שאַרף
אַרויף אויפן רוקן פון דער „קאַבילע"... ס'הייסט, אַז אויב איך
וועל נישט איבערשפּרינגען און זיך בלויז אַ זעץ-טאָן רייטנדיק,
וועל איך האָבן דעם אמתן פּסק... פאַרשטייט זיך, אַז ביים סאַ-
מע שפּרונג האָט ער די שווערד פלינק צוריקגעכאַפּט. אָפּגע-
שראָקן האָט עס יאָ אַביסל: טאָמער פאַרשפּעטיקט ער אויף אַ
סעקונדע...

אַז דער „ראָטני" האָט געזען, ווי ס'קאַפּעט אונז דער
שווייס פון שטערן און מיר פאַלן פּשוט פון די פיס, און אַז
וואָס ווייטער איז נישט בעסער נאָר ערגער, ווייל פון פאַרמאַ-
טערטקייט קאָנען מיר שוין אפילו ביזן רוקן פון דער „קאַבילע"
אויך נישט דערגרייכן, בלויז קוים ביזן הינטן, — דאַמאָלס האָט
ער רוגזהדיק אַ געשריי געטאָן:

— מאַרש! טשערטי פּאַלאָסאַטיִע!...

מיין „רעגאָמע" אין ראָטע איז שוין געווען אַ פאַרשפּיל-
טע... ס'האָט נישט געהאָלפן, וואָס אין „סלאָוועסנאָסט" בין איך
געווען דער ערשטער, וואָס אפילו ביים שיסן האָב איך זיך אויך
אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאַנצן בריה — כ'פלעג טרעפן אין „מישען"(1)
זייער אַ גרויסן פּראָצענט קוילן, — נישט דאָס איז, אַפּנים, גע-
ווען דער עיקר. ס'האָט נישט געהאַט קיין „עפעקט". דער עיקר
זענען טאַקע, מסתמא, געווען די „דריי זיילן": „קאַבילע", פּאַ-
ראַלעל-„ברוסיעס" און טויטן-שפּרונג...

אַחוץ די „נאַריאַדן" פלעג איך נאָך אויך קריגן סתם
פאַרלייי משונהדיקע שטראָפן בעת די איבונגען גופא: גיין אַ

1) ציל-ברעט.

שטייגער, איבער דער קאזארמע „גוסינים שאגאם״... אמאל פלעגט מען אזוי אוועקלאזן איבער דער לאנגער פאדלאגע א גאנצע קאמאנדע פון די יונגע... מ׳פלעגט אזוי „מארשירן״ מיט די הענט אויסגעצויגן פאראויס, אין דער אומבאקוועמער געננזן-פאזע, אונטער דער באגלייטונג פון א שטורמישן געלעכטער...

בעת אין קאזארמע איז געווען צו ענג פלעגט מען באשטראפן מיט „נא מיעסטיע ביעגאם מארש!״. דאס איז געווען א שפרינגעריי אויף איין ארט, פון איין פוס אויפן צווייטן. פלעגסט שפרינגען, שפרינגען משוגענערווייז, און דער „גאספאדין אוטשיטיעל״ פלעגט גאר פארגעסן צו הייסן אויפהערן...

און נאך, און נאך אזעלכע מיני שטראפן.

הויבן א האנט אויף א סאלדאט האבן די עלטסטע נישט געטארט; אבער א שטורך, א שטויס, א צי פארן קאלנער, א טרייסל טאן דאס פעקל ביינער, עס זאל פינסטער ווערן פאר די אויגן, א קוועטש-טאן פאר דער נאז (טיילמאל ביז בלוט...)— די אלע „נארישקייטן״ האט מען געלייזט זייער אפט.

טאמער וואלסטו געוואלט פרואוון זיך קלאגן, איז די פראצעדור געווען אן אוממעגלעכע: מ׳מוז די אנקלאגע צוערשט מעלדן דעם ערשטן נאטשאלניק — דעם לערער, דעם לערער גיט עס איבער דעם „אטדיעלאני״, דער „אטדיעלאני״ — דעם „ווזוואדני״, דער „ווזוואדני״ — דעם פעלדפעבל, דער פעלדפעבל — דעם „ראטני״, דער „ראטני״ גיט ערשט איבער די אנקלאגע אויפן אמתן אדרעס — דעם קאמאנדיר פון פאלק... פון אזא וועג קאן די אנקלאגע ארויסקומען א פונקט-פארקערטע: פון לערער אויפן סאלדאט... איז שוין גלייכער, אז מען פארבייסט די ליפן און מ׳נעמט אלץ אן פאר ליב...

איינמאל, מיטאג-צייט, איז צו מיר צוגעקומען דער פעלדפעבל און מיר געפרעגט כלומרשט אין „גוטן מוט״:

— נו, וואס וועט זיין?

— וואס זאל זיין, גאספאדין פאדפראפארשטשיק?

— ווען ווערסטו שוין שפרינגען איבער דער „קאָבילע" „פּאָ-אוסטאָוואו"?...

— כ'בין נישט שולדיק, גאָספּאָדין פּאָדפּראָפּאָרשטשיק!

— טשעם זאַנימאַלסיאַ?

— אין אַ רעדאַקציע, גאָספּאָדין פּאָדפּראָפּאָרשטשיק!

— האָסט פּאַרקויפט צייטונגען?...

— ניקאַק ניעט, אַ זשורנאַליסט, גאָספּאָדין פּאָדפּראָפּאָר-שטשיק!

— דערפאַר טאַקע ביסטו אַזאַ „מאַכראַ"...1) דערפאַר טויג-סטו נישט...

כ'האָב געשטומט ווי די וואַנט, ביטער געשטומט אונטער די איראָנישע בליקן פונם פעלדפעבל...

— און דו, פּאַיאַס? — ווענדט ער זיך צו מיין „זעמ-ליאַק", וועלכער איז געשטאַנען דערנעבן אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע.

— טשעוואָ איזוואָליטע 2), גאָספּאָדין פּאָדפּראָפּאָרשטשיק?

— טשעם טי זאַנימאַלסיאַ?

— איזוואָזטשיקאָם, גאָספּאָדין פּאָדפּראָפּאָרשטשיק!

— וואָט ווידיש! 3) — רופט זיך אָן דער פעלדפעבל צו מיר — ער שפּרינגט טאַקע איבער דער „קאָבילע" „פּאָ אוסטאָוואו". ער איז טאַקע אַ סאָלדאַט... זדראָוו, פּאַיאַס!

— זדראַוויאַ זשעלאַיו, גאָספּאָדין פּאָדפּראָפּאָרשטשיק!

— מאָלאָדיעץ, פּאַיאַס! —

— ראַד סטאַראַטסיאַ, גאָספּאָדין פּאָדפּראָפּאָרשטשיק! — האָט פּאַיאַס זיך צעשריען ווי אַן אָקס פאַר דער שחיטה...

אין מיטן איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גרוזין, אַ יונגער סאָל-

---

1) שלימזל.

2) וואָס פאַרלאַנגט איר?

3) אָט זעסטו שוין!

דאט, וועלכער האָט גערעדט זייער שלעכט רוסיש.

— זדראַוו, קוראַשווילי! — פּאַרטשעפּעט אים דער פּאָד-פּראַפּאָרשטשיק, נאָך אַלץ אַפּנים אין זיין „גוטן הומאָר".

דער גרוזין איז געבליבן שטיין ווי אַ געפּלעפּטער.

— זדראַוו זלאַי, פּ... פּ... פּאַדין פּידפּררררר!... האָט ער אַ קריי-געטאָן ווי אַ נישט-דערקווילעטער האָן און ביים לעצטן וואָרט איז ער שיער נישט דערוואָרגן געוואָרן...

דער פּעלדפעבל צעלאַכט זיך און פרעגט אים ווייטער:

— וו' קאַקאָם פּאָלקו סלוזשיש? 1)

דער גרוזין איז דאָ גאָר מטושטש געוואָרן און גענומען שטאַמלען:

— סימנאַצטי... גאָראָדסקי... פּילק... פּילק...

— באַלוואַן! — האָט אים דער פּעלדפעבל איבערגעריסן,

— פּאַיאַס, וו' קאַקאָם פּאָלקו סלוזשיש?

פּאַיאַס האָט זיך ווידער געגעבן אַ גלייך אויס ווי אַ סטרונע, צוקלאַפּנדיק האַרט אַ שטיוול צו אַ שטיוול:

— וו'סעמנאַדצ_טי אַרכאַנגעלאָגאָראָדסקי...

— באַלוואַן! — האָט דער פּעלדפעבל אים אויך איבערגעריסן.

און אַ ווינק טוענדיק צו מיר, האָט ער אַ זאָג געטאָן דאָסזעלבע:

— וו'קאַקאָם פּאָלקו סלוזשיש?

דאָ בין איך שוין געווען דער „העלד", און פּאַמעלעך, מיט זיכערקייט האָב איך גענומען ציען וואָרט נאָך וואָרט:

— וו' סיעמנאַדצאַטאָם פּיעכאָטנאָם אַרכאַנגעלאָגאָראָדסקאָם וועליקאָוואָ קנאַזיאַ וולאַדימיראַ אַלעקסאַנדראָוויטשאַ פּאָלקו, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— מאָלאָדיעץ!

---

1) אין וועלכן פּאָלק דינסטו?

— ראַד סטאַראַטסיא, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאַרשטשיק!

— וויאַלאָ אָטוויעטיל! 1) — איז ער נישט געווען צו-פרידן מיט מיין צו שוואַכער שטים, — אָטסטאַוויט! 2)

— ראַד סטאַראַטסיאַ, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק! — האָב איך שוין געשריען מיט אַלע כּוחות און אים צופרידן גע-שטעלט.

דער פעלדפעבל איז אַוועק אַן אויפגעהייטערטער, שטאַרק צופרידן, קענטיק, מיט זיין ראַנג און זיין דינסט פאַרן פאָטער-לאַנד...

— וואָס ער האָט איצט אין קעפּל, זאָל איך עס האָבן אין פּלעשל... — באַמערקט מיר פּאַיאַס, — אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין, פּאָניע גנב!...

1) פויל, אַפּאַטיש געענטפערט!

2) לאָז־אָפּ, ס'הייסט: גאָלאַמאָל!

XIV. אין א סדר־נאַכט

און אַזוי ווי צו אַלץ קומט אַ סוף, איז אויך צו אונזער „נאָוואָבראַנסטוואָ"-צייט געקומען אַן ענד. ס׳איז שוין געווען נאָך דער „שבועה" פון „טרייהייט דעם צאַר און פאָטערלאַנד". מ׳האָט אונז שוין גענומען רעכענען פאַר אַלטע, „אויסגעמענטשל־טע"... מ׳האָט אונז שוין אַפילו געשיקט אין קאַראַאול. — דער־צויגענע מענטשן!...

די גרעניץ איז געווען פסח־צייט. דערפאַר טאַקע האָט מען אונז, יידן, אין די יום־טוב־טעג אָפּגעלאָזט פון סאַמע אינ־דערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, און יעדער איינער האָט גע־קאָנט גיין פראַנק און פריי, וואו ער האָט געוואָלט.

ערב־פסח. איך בלאָנקע־אום גאַס־איין, גאַס־אויס איבער דער שטאָט, באַקוק אַלץ און אַלעמען. אפילו אויפן בית־עולם בין איך אויך פאַרקראָכן און באַטראַכט אַלטע כאַראַקטעריסטישע מצבות... אָבער אין ערגעץ אַ פּריוואַט היימיש הויז האָב איך קיין איינטריט נישט געהאַט. דער שיגעל! דער גרויער שי־געל!... מיט וואָסער קנאה האָב איך נאָכגעקוקט איטלעך צי־

וויל־געקליידטן אויף די טראָטואַרן. אַלע ווײַלע פֿלעג איך דער־פֿילן, אַז כ׳געהער נישט צו זיך: ס׳פֿלעגן מיר אַנטקעגן קומען אָפֿיצירן און כ׳פֿלעג איטלעכן מוזן מאַכן אַ שטײַפֿע בראַווע באַוועגונג און אָפּגעבן „טשעשטש״.

פּאַרנאַכט איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַרײַנצוגיין אין דער ביבליאָטעק אויף פּושקינסקאַיאַ. אין ביבליאָטעק איז געווען יונג־וואַרג. אַלע קאַטאַלאָגן זענען פֿאַרנומען געווען. כ׳בין צוגעגאַנגען צו אײנער אַ פֿרײַלין און באַשטעלט דעם קאַטאַלאָג. יענע האָט מיר אים תיכּף דערלאַנגט און אין מײַן זײַט אפֿילו נישט אַ קוק געטאָן בעת מעשה, ווי אײנער זאָגט: „נאַ, זײַ מיר נישט קיין מחותּן און וואַרט נישט אויף מיר״... האָב איך טאַקע באמת פֿאַרלוירן דעם צורת מענטש?... כ׳האָב געקוקט, גע־קוקט אין קאַטאַלאָג און די ווערטער האָבן געטאַנצט פֿאַר מײַ־נע אויגן ווי קלײנינקע פֿליגעלעך... זאָל איך בײַ אַזאַ פֿרעמד־קײט נעמען דאָ אַ בוך און זעצן זיך לײענען? כ׳האָב זיך דאָ דערשפּירט איבעריק און נישט אויף אַן אָרט. דער שינעל טײלט־אָפּ פֿון דער וועלט ווי אַ פֿינצטערע וואַנט...

בין איך אַרויס פֿון ביבליאָטעק אַ דערשלאָגענער און ווי־דער גענומען בלאָנדזשען איבער די גאַסן אין הינטישער עלנט־קײט...

טרעף איך מײַנע קאַזאַרמע־זעמליאַקעס״. זײ דערצײלן מיר, אַז דעם „סדר״ וועט מען פּראַווען אין עפּעס אַ קהלשער קיך: אַ מתּנה פֿון די היגע ייִדן פֿאַר די ייִדישע סאָלדאַטן פֿון גאַרניזאָן.

מ׳האָט מיך אַוועקגעשלעפּט אין שול אַרײַן. געהערט דאָרט אַ יום־טובֿדיקן „מעריבֿ״, צווישן אַן עולם פֿרעמדע דאַוונענדיקע ייִדן, און פֿון דאָרט זענען מיר אַלע אַוועק צום „סדר״.

די קהלשע קיך האָט אויסגעזען ווי אַ „באַראַק״. לאַנגע טישן מיט פּראָסטע ליילעכער באַדעקט — אַפּנים, פֿון עטלעכע באַלעבאָסטעס אויסגעבאָרגט... אין בלעכענע פּושקעס מיט

זאמד האָבן געשטעקט ברענענדיקע ליכט, וואָס קיין מאַמע האָט נישט געבענטשט... און דערפאַר טאַקע האָבן זייערע פלעמלעך נישט פאַרמאָגט קיין יום-טובדיקע נשמה יתירה, און זיי האָבן זיך טונקל-וואָכעדיק געוויגט איבער די לאַנגע אומגעלומפּערטע קהלשע טישן...

דער עולם — אַ פאָר הונדערט פאַרשוין — האָט זיך אויסגעזעצט צום „סדר". ס'איז געוואָרן אַ געריידל, אַ הודושעריי, כמעט נישט בעסער ווי דאָרט, אין דער „סטאָלאָווע" פון באַטאַליאָן... בלויז געציילטע האָבן געזאָגט די „הגדה". דאָס רוב האָט געוואַרט אויף די „קניידלעך" — אויף אַ ביסל יידיש, היימיש עסן...

די סאַרווערס — אַ יידל אין אַ יאַרמולקע און צוויי ווייבער-„פּאַטראָנעסעס" אין ווייסע פאַרטוכער — האָבן גענומען דערלאַנגען צו די טישן. ס'האָבן פאַרשמעקט די יום-טובדיקע ריחות און די שפּאַנונג ביים עולם איז נאָך גרעסער געוואָרן. אין דער לופט האָט זיך צוטראָגן אַ דזשאַמדזשעריי פון אַ מאַסע מיילער, אַ קלינגעריי פון לעפל און טעלער — אַז אַ פּאַרע האָט אויש געזעצט... דער עולם — ווי אין די „זיבן יאָר הונגער" — האָט אַלץ „פאַרברענגט"... אפילו פונם „מרור" איז קיין געדעכעניש נישט געבליבן...

נאָכן „סדר" רופט זיך אָן צו מיר אייגער, אַן „אַלטער", פון מיין ראָטע:

— קום!

— וואוהין?

— אין אַ באַקאַנטע שטוב.

— צו וועמען?

— פאַרשטייט זיך, אַז נישט צו קיין בחורים, נאָר צו מיידלעך...

— וואָס פאַר אַ מיידלעך?

— מיידלעך אין קליידלעך... — לאַכט יענער, און אַ צי-

טוענדיק מיך פאַרן שינעל, זאָגט ער נאָכאַמאָל:

— קום, זיי נישט קיין יאָלד. איילסט זיך דען אין קאַזאַרמע נאָך דער געשמאַקער לופט?...

בין איך געגאַנגען: מילא, לאָמיר אָנקוקן אַ פּריוואַטע שטוב אַמאָל אין אַ „נאָווינע". געגאַנגען זענען מיר זאַלבעדריט: איך און צוויי „אַלטע".

מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ פּאַרטער-וואוינונג פון צוויי צימערן מיט אַ קיך. דאָס פאָדערשטע צימער איז זייער אַ גרויסעס און אין אים שטייט אַ גרויסער טיש, אַ בופעט מיט פלעשער טונקעלע און העלע משקאות. — אַ מין שענקל.

אין שטוב זענען געווען צוויי מיידלעך. איך זאָג: „מיידלעך", כאָטש ביידע זענען שוין געווען מיט לאַנגע יאָרן צוריק ראוי צו זיין מאַמעס פון „מיידלעך"... אַחוץ דעם זענען ביידע געווען מאוס ווי די נאַכט, איינע מאוסער פון דער אַנדערער... עפּעס אַזעלכע פּראָסטע, וואולגאַרע פּנימער. איינע האָט געהאַט אַ לאַנגע שאַרפע נאָז מיט קרעצלעך אויפן שפּיץ — ווי ביי אַן אמתער מכשפה פון קינדער-מעשהלעך... די צווייטע ווידער האָט „געגלאַנצט" מיט אירע ציין — גרויסע, סטאַרטשענדיקע, דערצו נאָך קרומע, ציין, ווי ביי אַ „בהמה גסה"...

ביי אונזער אַריינקומען האָבן אונז די ביידע בתולות אויפגענומען גאָר גערן און צופרידן. אַ סימן, ביי איינער איז די נאָז זייער באַוועגלעך געווען און ביי דער צווייטער האָבן די ציין אין זייער גאַנצער אָפּנקייט נחתדיק געלאַכט...

— בודטע זנאַקאָמי! — שטעלט מען מיך פאָר פאַר זיי.

די „בתולות" שטרעקן מיר אויס האָרעפּאַשנע, שוואַרץ-נעגלדיקע הענט.

אין האַנט האָב איך דערשפּירט אַ שרץ-ווייכקייט... בררררר!..

מיינע פאַרטנערן האָבן זיך גענומען פאַרהאַלטן שוין צו „היימיש" מיט די „דאַמען"...

— אַסטאַוויטיע, אַסטאַוויטיע...—האָט די מיט דער מכשפה-

נאַז זיס-חנודיק זיך געבעטן. אָבער די סאָלדאַטן — ווי אַלטע, געניטע „דיאַדקעס“ האָבן געטאָן דאָס זייעריקע: געערדט מער מיט די הענט ווי מיט דער צונג...

לסוף איז איינער פון מײַנע פּאַרטנערן גאָר פאַרשוואונדן געוואָרן טאַקע מיט דער מכשפה-נאַז אין דעם אַנדער חדר און איז פון דאָרט גאָר צוריק נישט אַרויס...

די בתולה מיט די פערדישע ציין איז אַרויס אויף אַ ווײַלע אין קיך.

— וואָס זענען עס פאַר אַ פּירות?... — פרעג איך אינ־דערשטיל מײַן פּאַרטנער.

יענער דערציילט מיר, אַז דאָס זענען צוויי שוועסטער. קיין טאַטע-מאַמע נישטאָ. מ׳קריגט דאָ אַ שנאַפּס, אַ צובייסעכץ און אַז מ׳לעבט מיט זיי גוט — איז נאָך „עפּעס“ אויך...

— צו וואָס אָבער אַזעלכע פּאַסקודנע מאוסקייטן?... — פרעג איך אים בסוד.

יענער פּלאַצט-אויס אין אַ גראָבן געלעכטער.

— ניטשעוואָ! — זאָגט ער — אַז אַ סאָלדאַט פאַרדייעט קאַפּוסטע מיט ווערים, מוז ער שוין אַלץ קאָנען פאַרדייען...

אַז די בתולה מיט די פערדישע ציין איז צוריק אַרײַנגע־קומען פון קיך, האָט מיך דורכגענומען אַ געוואַלטיקער עקל און ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט שפּײַען...

מער האָב איך שוין נישט געקאָנט בלייבן אין סאָלדאַטישן „קאַפּע-שאַנטאַן“. כ׳האָב זיך אויפגעהויבן צום געזעגענען.

— וואָס איילסטו זיך? — וויל מיך אָפּהאַלטן מײַן פּאַרט־נער. — וואַרט, מיר וועלן מאַכן אַ פּסחדיקן שנעפּסל...

— מיר האָבן אמתע „פּסחאוועקע“... ניינציקער... — זאָגט די בתולה.

— איך דאַנק, איך דאַנק... איך טרינק נישט...

— אַ שיינער סאָלדאַט! — לאַכט מײַן פּאַרטנער.

— מסתמא, נאָך אַ נאָוואָבראַניעץ?—פרעגט די בתולה, —

איר קענט אים נישט אויסלערנען? — ווענדט זי זיך צו מיין פארטנער.

— ער טויג צו גארנישט! שוין נאך דער „שבועה" און— קאן נאך קיין שנאפס נישט מאכן...

— איך טויג טאקע נישט... א שלעכטער סאלדאט... דער־פאר וועט איר שוין טרינקען פאר מיר אויך...

— מאלאדאי סאלדאטיק! — ווינקט זיך די בתולה אי־בער מיטן אלטן אויסגעפרואווטן „דיאדקע"...

דער „דיאדקע" נעמט זי פאר דער האנט און לייגט אוועק זיין יד אויף איר אקסל:

די העכסטע צייט, הייסט עס, פאר מיר אוועקצוגיין...

איך זאג א „גוטע־נאכט" און פארמאך די טיר פון יע־נער זייט...

— ברררר!...

און ווידער — גאס־איין, גאס־אויס...

פון יידישע פענסטער האבן ארויסגעוואונקען פייערלעכע פלעמלעך. אין די שטילע גאסן האבן אפילו דורכגעדרונגען ניגונים פון דער „הגדה"... אומעטום זיצט מען נאך ביי ווייסע היסב־בעטן, אין קרייז פון נאענטע, פון היימישע... מ'דער־ציילט נאך וועגן יאך פון פרעה מלך מצרים... וועגן פיתום און רעמסס... וועגן די נסים פון יציאת מצרים...

כ'דריי מיך אום אזוי ביז שפעט, זייער שפעט אין דער נאכט אריין. אלץ איז מיר דא אזוי פרעמד און ווייט, אזוי פרעמד און ווייט...

ווען וועל איך באפרייט ווערן פון מיין יאך, פון מיי־נע פרעהס?— — —

XV. דער „ביעגאָם“ לכבוד פרילינג...

אויף דרויסן איז געוואָרן פרילינג. פון דער פריי האָט געדרייצט מיט בלויקייט און פרייד; אָבער נישט די בלויקייט און נישט די פרייד איז געווען פאַר אונז, שקלאַפן. ס'איז פשוט נישט געווען קיין פרייע רגע, ווען אַריינצואָטעמען אין זיך אַביסל פרילינג. אויפן קאַזאַרמע־פענסטער פלעגט בלויז פאַלן אַ שטראַל, אַ פאַס ליכט, אָדער ביי אַ „פראָגולקאַ“ פלעגט מען קוים אַמאָל אַ צי־טאָן אין די לונגען אַביסל פרישקייט. אָבער אונטערן בייטש פון דער דיסציפלין, ביים שטרענגן אָפּהיטן צו גיין אין פוס, אָדער ביי מאַכן פאַרשיידענע איבונגען מיט דער ביקס, האָבן די אויגן ווייניק געזען וואָס אַרום טוט זיך...

פאַר אונז האָבן זיך די „היצן“ אָנגעהויבן באַלד אין אַ נאָכפּסחדיקן טאָג, ווען דער פעלדפעבל האָט באַפוילן צו גיין אויף „פראָגולקאַ“ בלויז אין די לייכטע „גימנאַסטיאָרקעס“. ס'איז דאָן גראָד געווען שטאַרק ווינטיק און דער עולם האָט גע־מורמלט, אַז ס'וועט נאָך קאַלט זיין.

— ניטשעוואָ, — האָבן געטרייסט די אונטעראָפיצירן, — מיר וועלן אייך אָנווארעמען..

און זיי האָבן טאַקע געהאַלטן וואָרט, אונזערע אונטער-אָפיצירן: ווי נאָר מ'ר זענען ארויס אין דרויסן און ס'האָט באמת דורכגענומען אַ שאַרפע קעלט דאָס לייב, האָבן זיי אַ קאָמאַנדעווע-געטאָן:

— ביעגאָם!...

אַ „ביעגאָם" איז עס געווען אָן אַן אויפהער, אָן אַ סוף. אַפילו קיין סעקונדע אויף צו כאַפּן דעם אָטעם האָט מען נישט געגעבן. אַלע ווײַלע האָבן אונטערגעהיצט די שטימען פון די אונטעראָפיצירן:

— ביעגאָם! ביעגאָם! ביעגאָם!...

אַהין געלאָפן, צוריק געלאָפן, אין ערגעץ זיך נישט אָפּ-געשטעלט.

— ביעגאָם! ביעגאָם! ביעגאָם!...

אַנדערע האָבן שוין געהאַט אָפענע מײַלער. קיין לופט האָט שוין נישט געקלעקט צו אָטעמען. אין די לונגען האָט גע-שטאָכן...

— ביעגאָם! ביעגאָם! טשערטי פּאַלאָסאַטיִע!...

אַזוי ווי מ'איז אַרויסגעלאָפן, אַזוי איז מען ארײַנגעלאָפן אין קאַזאַרמע-הויף.

ביי אַלעמען זענען די מלבושים געווען נאַס פון שווייס. די הויזן, דאָס העמד, די „גימנאַסטיאָרקע", דאָס היטל — אַלץ אין שווייס. פון די פּנימער האָבן זיך ביי אַלעמען ריטש-קעלעך געצויגן... פאַר די אויגן זענען פונקען געפלויגן...

— נו, איז אייך קאַלט געווען?... — האָבן געפרעגט די אונטעראָפיצירן.

„אַ שיינער פרילינגס-שפּאַציר"... — האָב איך געטראַכט. און מיין „זעמליאַק", פּאַיאַס, האָט געווישט דעם נאַסן

פנים מיטן אַרבל און נישט אויפגעהערט צו וואָרטשען זיין אַלטן פסוק:

— פאָניע גנב, אין זיין טאַטנס, טאַטנס, טאַטנס טאַטן אַריין!...

איין טאָג האָב איך מער ווי שטענדיק געהאַט אַ געלעגנ- הייט צוצוקוקן זיך צום פרילינג. כ׳בין באַשטימט געווען אין קאָ- ראַאוּל ביי אַ מיליטער-מאַגאַזין אין עק שטאָט, אַנטקעגן אַ סאָד. אַרומשפּאַצירנדיק אויפן „פּאָסט״ אַרום מיליטער-מאַגאַזין, האָב איך אומגעשטערט געקאָנט קוקן אויפן הימל, אויפן בליענדיקן סאָד קעגנאיבער, אַריינאָטעמען טיף דעם אַראָמאַט פון געדיכטע קו- סטעס בעז, וואָס ביים סאָד-פּאַרקאַן, אָדער גאָר אונטערשטעלן דאָס פּנים אונטער די קושנדיקע זון-שטראַלן. און ווען נאָך צו- ברענט זיך אַזוי די בענקשאַפט נאָך דער פרייהייט, ווען נישט אין אַזאַ רגע?... כ׳מאַך אַ שטיקל חשבון: כדי צו וויסן, צי מ׳באַפרייט מיך אַלס ערשטער-לגאָטניק, דאַרף איך נאָך וואַרטן אַ וואָך זעקס—ביז וואַנען עס וועט קלאָר ווערן אין די מיליטערי- שע קאַנצעליאַריעס דער קאָנטינגענט צוגענומענע. אויב ס׳וועט זיך דאַן אַרויסווייזן, אַז קיין איבעריקע זענען נישטאָ, און איך וועל, הייסט עס, מוזן פּאַרפּילן דעם בלויז, — דאַן... צו באַנען און ש פן!.... איך ברען שוין אינגאַנצן פון אומגעדולד. ווי ווערט מען אַנטשלאָפן אויף דער גאַנצער צייט, כדי זיך שוין אויפצו- כאַפּן אין יענעם טאָג! ס׳האָט זיך פשוט געגלוסט פונסניי צו קריגן דעם פאַרלוירענעם צ ל ם-מ ע נ ט ש... נישט צו זיין עפּעס אַ וואָרעם אונטער אַ גראָבן שטיוול — — —

XIV. אין הויפּטוואַכט

איינמאָל באַקען איך זיך מיט די קאַזאַרמע-פאַרברעכער. אין „קאַראַאול״ביים הויפּטוואַכט.

כ׳בין געשטאַנען אין אַ שמאָלן קאָרידאָר און אַריינגעקוקט דורך אַ קליין טיר-פענסטערל צו די מיליטערישע אַרעסטאַנטן. געזעסן זענען דאָ דריי פּאַרשוין. איינער, אַ העל-בלאָנדער דאָרפישער טיפּ מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ, מיט אַ העפט אויף איין באַק און אַ כּסדר שמייכלדיקער. אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער זיצט דאָ, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער איז שוין דריי מאָל אַנטלאָפן. ער איז שוין דאָ אין הויפּטוואַכט אַ „היימישער״ מענטש... איצט וועט ער אוודאי שוין גיין אין „דיסציפּלינאַר-באַטאַליאָן״. אַזוי מיינט ער.

— פאַרוואָס ביסטו געלאָפן? — פרעג איך אים.

— אין דאָרף איז בעסער... — לאַכט ער.

— און דינען דעם „פאָטערלאַנד״?... — פרעג איך האַלב אין שפּאַס.

— ס׳פעלן נישט קיין טפשים אָן מיר אויך... — ענט-פערט ער גאָר מעשה-לך...

צום טיר-פענסטערל קומט-צו אַ צווייטער אַרעסטאַנט. דער איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ פיינער „גימנאַסטיאָרקע״, אין שמאָלע געפּאַסטע הויזן, עלעגאַנטע שטיוועלעך — גאָר פּאַצעטיש. דאָס אויסזען זיינס איז געווען אַן עכט סעמיטיש: אַ טונקל שמאָל געזיכט, שוואַר-צע האָר, שוואַרצע אויגן און ברעמען. כ׳בין געווען זיכער, אַז ס׳איז אַ ייד. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, איז געווען אויפן אַדרעס פון זיין חבר-אַרעסטאַנט.

— קלעפּטאָמאַניע... — טוט ער מיר אַ זאָג און בגנבה אַ ווינק אויף יענעם פאַרשוין.

— אַזוי גאָר? „לאַנגע פינגער״?... נו, און פאַרוואָס זיצט איר דאָ?

— איך? פאַר אַ „סאַמאָוואָלנאַיאַ אָטלוטשקאַ״[1]. ס׳ווערט נמאס ומאוס דער קאַזאַרמע-רעזשים, בין איך אַוועק צו אַ קרוב אויף אַ צען טעג — כ׳בין טאַקע אַ היגער — און נאָכדעם אַליין צוריקגעקומען. וואָס וועט מען מיר טאָן? אויפהענגען — נישט. מילא, וועל איך זיצן אַביסל אין „הויפּטוואַכט״, גלויבט מיר, דאָ איז נישט ערגער ווי אין ראָטע...

כ׳האָב געלאַכט אין געדאַנק: ווען ער ווייסט וואָס פאַר אַ פּלאַן עס ליגט ביי זיין שומר אין קאָפּ!...

— איר זייט אַ ייד? — פרעג איך אים.

— ניין.

— וואָס רעדט איר? — ווער איך פאַרוואונדערט.

— אַ פראַוואָסלאַוונער, — מורמלט ער אַרויס דורך די ציין, גלייך ווי דער גאַנצער ענין וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען.

כ׳זע, ער האָלט עפּעס אַ האַלב-אָפענעם העפט, געדיכט פאַרשריבן.

---

1) איינגנווילק אָפּשיידן-זיך, אָן דערלויבעניש.

— וואָס האָט איר דאָ אין העפט?

— אַ דערציילונג.

— אַ דערציילונג?!...

— יאָ, וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי?

— גאָרנישט, גאָרנישט...

— כ'האָב עס טאַקע דאָ זיצנדיק אָנגעשריבן. אויב אייך אינטערעסירט, קאָן איך אייך איבערלייענען.

— אדרבה.

ער האָט גענומען לייענען. דער סטיל און פאַרבעם איז געווען ווי פון אַ גימנאַזיסט; אָבער וואָס מיר האָט נאָך מער פאַראינטריגירט איז געווען דאָס, וואָס די דערציילונג איז געווען פון יידישן לעבן און די העלדן האָבן אַלע געהאַט עכט יידישע נעמען. עפּעס אַ מעשה מיט אַ שניידער שלמה און זיין ווייב שרה, און אַ טאָכטער ברכה.

— ווי קומט עס,—פרעג איך, ווען יענער האָט געענדיקט—איר, אַ קריסט, זאָלט שרייבן פון יידישן לעבן?

ער האָט גענומען שטאַמלען:

— כ'ווייס... אַזוי איז עס... ס'פּאַסירט אין לעבן.

— וואָס הייסט?

— פאַרשטייט איר מיך... כ'בין אַ פּראַוואָסלאַוונער... אָבער אַלס קינד בין איך געווען אַ ייד... כ'האָב געהאַט יידישע עלטערן...

— נו?

— איז דער פאָטער אַוועק קיין אַמעריקע... די מוטער געשטאָרבן... בין איך געווען ביי אַ רייכן קרוב... אויך אַ געוועזענער ייד... אַבראַזאָוואַנני טשעלאָוויעק!...1) טאַקע דאָ אין זשיטאָמיר... האָב איך נישט געקאָנט אַריינקומען אין מלוכה-גימנאַזיע... האָט מען מיך געשמדט...

— אין וועלכן קלאַס זייט איר אַריין?...

---

1) אַ געבילדעטער מענטש!

— אין 7-טן.

— זייט איר דאָך שוין נישט געווען קיין קינד?...

— נו, דאַ. ביוואַיעט וו׳זשיזני... 1) — פאַרענטפערט ער זיך פאַר מיר.

דער יונגערמאַן מיטן סעמיטישן אויסזען האָט מיך אינגאַנצן אַנטוישט. פריער באַחנט און סימפאַטיש אין מיינע אויגן, איז ער איצט מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן ווי אַ געפּלאַצטער באַלאָן פון דער לופטן...

כ׳האָב צו אים מער נישט גערעדט. כ׳האָב זיך עקסטרע געווענדט צום דריטן, וועלכער איז געלעגן אויף דער נאַרע:

— אַ ווי, זעמליאַק?...

צו דער טיר איז צו געקומען— זיכער אַ יידל... אַ בלאַס, אויסגעמאָגערט, צעקנייטשט, נישט געראַזירט פּנים.

— אַן עברי? — פרעגט מיך יענער.

— יאָ, יאָ, אַ ייד.

מיר צערעדן זיך אין מאַמע-לשון, און כ׳ווער געוואויר אַזאַ אומגעלומפּערטן שטות:

אין די קאַזאַרמעס גייען אום פון אייביק אָן פאַרשיידענע וויצן און פאַראַדיעס אויף „סלאָוועסנאָסט״. אויף דער פראַגע: „שטאָ טאַקאָיע זנאַמיאַ?״ פלעגן די לצים ענטפערן — אָנשטאָט „פּאָלקאָוואַיאַ סוויאַטיניאַ״2) — פּאָלקאָוואַיאַ סקאָטינאַ״...3) האָט זיך דאָסדאָזיקע יידל — טאַקע דער דריטער אַרעסטאַנט — איינמאָל ביי „סלאָוועסנאָסט״ טועה געווען, מחמת דער וויץ האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין מח; דער־צו איז ער נאָך מיט דער רוסישער שפּראַך אויך נישט געווען אַזוי היימיש, און אויף דער פראַגע פון לערער: „שטאָ טאַקאָיע זנאַמיאַ?״ האָט זיך

1) נו, יאָ... עס טרעפט אין לעבן...

2) פּאָלק־הייליקייט.

3) פּאָלק־בהמה.

ביי אים אַרויסגעכאַפּט: „פּאָלקאָווניאַ סקאַטינאַ“... איז געוואָרן אַ טומל, אַ ליאַרם, ס׳איז תיכף אַוועק אַ ראַפּאָרט צו העכערע „נאַטשאַלסטוואָ“ און איצט וואַרט ער עס דאָ אין „הויפּטוואַכט“ אויפן פּראָצעס.

— ס׳איז שוין פון מיר געוואָרן אַ תל, — קלאָגט ער זיך פאַר מיר, — כ׳עס נישט, כ׳טרינק נישט, כ׳שלאָף נישט. קיין „המוציא מיט האָניק“ וועט מען מיר נישט געבן. ס׳שמעקט זיכער מיט „דיסציפּלינאַרני באַטאַליאָן“. וואָס זאָגט איר, האַ?

כ קוק אָן זיינע פייכטע אויגן, זיין אויסגעטריקנט פּנים, זע זיין מרה-שחורה — און כ׳האָב פאַר אים קיין טרייסט נישט, פאַרן געפערלעכן „פאַרברעכער“...

— אין קאַזאַרמע מעגן זיך ווילצן אַנדערע: אַ שטייגער, די לערער ביי די איבונגען... זיי מעגן אין שפּאַס כאָטש מאַכן מענטשן פאַר קאַליקעס; אָבער נישט די מענטשן זאָלן ווילצן זיך איבער דער קאַזאַרמע...

אַזוי דערקלער איך אים, דעם „ווילצער“... און יענער האָט זיך ממש די האָר פון קאָפּ געריסן:

— וואו איז געווען דאַן מיין קאָפּ? פאַרוואָס בין איך נישט שטום געוואָרן? פאַרוואָס איז דער לערער נישט שטום געוואָרן, איידער ער האָט מיר גאָר געשטעלט די פראַגע?...

XVII. אויף „דאַטשע“ אין... לאַגער

אין דער ערשטער העלפט פון מאַי איז אָנגעקומען אַ באַפעל צו „פעקלען-זיך“ אין לאַגער.

ס'איז געוואָרן אַ באַוועגונג, אַ גאַנצער טאַראַראַם. דער לאַגער האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט און האָט פאַרנומען אַ ריזיגן שטח — פאַרן גאַנצן גאַרניזאָן: אַ קאָרפוס. מיר האָבן געאַרבעט ווי די מוראַשקעס: געגראָבן, געמייסטרעוועט, געשלעפט ברעטער, קלעצער, אויסגעשניטן אויף עפעס אַ פעלד פירקאַנטיקע „דיאָרנעס“1) צום באַפוצן און באַשיינען און לסוף פאַרצויגן די גרויע לייוונטן, די „פאַלאַטקעס“ — אונזערע זומער-וואוינונגען... אינעווייניק, אין די „פאַלאַטקעס“ איז אַלץ געווען לויטן קאַזאַרמע-נוסח: נאַרעס, שעניקעס, האַרט צעבויפּ־געפּרעסט איינע צו די אַנדערע, אַזוי אַז ביינאַכט איז מען אויך דאָ געלעגן צעבויפּגעקוועטשט און אַריינגעכראָפּעט איינע די אַנדערע אין פנים אַריין... אמת, די לופט איז דאָ געווען

1) שטיקער גראָז־ערד.

לייכטער, פרישער, אָבער אַ סך מאָל שוין צו פריש: אין די קילע נעכט פלעגט מען כאַפּן אַן אמתן ציטער, און אַז עס פלעגט גיין אַ שטאַרקער רעגן, פלעגט ער שוין אויסגעפינען שפּאַרעס, און דורך די שפּאַרעס — אויף די שלאָפנדיקע... פון אַזאַ „באָד" פלעגט עס קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן, ווי ביי קדחת...

אין לאַגער האָבן זיך די „זאַניאַטיעס" אַביסל געביטן. על-פּי-רוב פלעגט מען זיך פאַרנעמען מיט פעלד-דינסט. מ'פלעגט מאַכן לאַנגע, שווערע „פּראָגולקאַס" אויף וויאָרסטן ווייט, איבער דערפער און כוטאָרן — אייגנטלעך, קורצע מאַנעווערס פון גאַנצן גאַרניזאָן. די דערפער פלעגט מען דורכגיין מיט מוזיק פאָראויס. די מוזיקאַנטן מיט די מעשענע בלאָז-כלים האָבן געשפּילט בראַ-ווע מאַרשן און דער דאָרפישער עולם — פויערים און פויער-טעס אין בונטע אוקראַיִנישע קליידער, יונג און אַלט — אַלץ איז אַרויס פון די כאַטעס כאַפּן אַ בליק. קליינע שקצימלעך און שיקסלעך מיט לאַנגע, דינע, פלאַקסענע צעפּלעך זענען אונז נאָכגעלאָפן ביז ווייט אין פעלד אַרויס מיט שמחה און גדולה...

מיר פלעגן זיך צעשפּרייטן טיילנווייז איבער פעלדער און וועלדער, קריכן איבער בערגער און טייכלעך. אַז דער טייך איז געווען פלאַך, פלעגט מען בלויז אַראָפּוואַרפן די שטיוול; טאָמער איז ער אָבער געווען טיפער, פלעגט מען אַראָפּוואַרפן די „שאַראָוואַרעס"1) פאַרשאַרצן די אויבערשטע טייל מלבושים אַרויף צום קאָפּ-צו, די ביקס און אַמוניציע אין די אויפגעהויבענע הענט — און מאַרש אין וואַסער אַריין!... מ'האָט זיך געשפּילט אין מלחמה: מ'האָט זיך צעטיילט אין צוויי פיינטלע-כע לאַגערן, איינער איז אָנגעפאַלן, דער צווייטער האָט זיך פאַרטיידיקט, געשאָסן פון פאַלשע קוילן, אַז א רויך איז גע-גאַנגען... פאַרענדיקן פלעגט עס זיך מיט א בלומרשטער אטאקע און מיט א הורא-געשריי.

1) הויזן.

דידאָזיקע שפּילערײַ פלעגט פאַרנעמען דעם גאַנצן טאָג — אַזוי אַז צוזאַמען מיטן גאַרניזאָן פלעגן אויך מיטפאָרן די פעלד-קיכן מיטן „אָביעד" און די סאַניטאַר-בײַדלעך.

אין לאַגער פלעגן זיך ווײַזן די אָפיצירן עפּטער ווי אין קאַזאַרמע. בײַ די קלענערע „פּראָגולקאַס" פלעגן זיי אויך מיט-גיין, אײַגנטלעך, נישט מיטגיין, נאָר מיטרײַטן אויף פערד. אויפן פעלד פלעגן זיי דאָס רוב שטיין פונדערווײַטנס, די „גאָספּאָדאַ אָפיצערי", אין די אויסגעפּראַסטעוועטע מונדירן און ווײַסע הענטשקעס, פלעגן לאַכן, ווערטלען-זיך, רויכערן, און בלויז פון צײַט-צו-צײַט יוצא-זײַן און איבערגעמען פון די אונטער-אָפיצירן די קאָמאַנדע.

איינמאָל איז בײַ אַזאַ מין „פּראָגולקאַ" צוגעריטן צו אונדז דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק און געהאַלטן פאַר אונדז אַ גאַנצע רעדע וועגן... ביקס-איבונגען און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַזאַ מין פּאַטאָס:

— זאָלן אײַערע ביקסן-איבונגען זײַן אַזוי ריין ווי הײַנט דער הימל!...

כ'האָב געקײַכט אין געדאַנק: ביקסן—און הימל-ריינקייט!... וואָס אַ קאָמאַנדיר קאָן אײַנפאַלן!...

אַז די „זאַניאַטיעס" זענען פאָרגעקומען אין לאַגער גופא, איז נישט לײַכטער געווען ווי אין קאַזאַרמע. אויך אַהער האָט מען מיטגעשלעפּט די אַלע מכשירים: די „קאַבילע", די פּאַראַ-לעל-„ברוסיעס" מיטן „טורניק". אדרבה, דאָ זענען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר „געשמאַקע נומערן", ווי, למשל: דאָס שפּרינגען פון אַ ספּעציעלער הויכקייט — אַ שטאָק לערך — אין דער נידער. אמת, אונטן איז אפילו געווען אָנגעשאָטן זאַמד, נאָר פונדעסטוועגן האָט פון אַזאַ שפּרונג דאָס גאַנצע פּעקל בײַנער געקאָנט צעזעצט ווערן... טאָמער האָט זיך עמיצער געוואַקלט און איז בײַם סאַמע ברעג שטיין געבליבן, האָט מען אים גע-

שיקט נאָכאַמאָל און ביים ברעג איז געשטאַנען דער אונטער-
אָפיציר, כדי יענעם אַ שטויס צו טאָן, אויב ער וועט אַליין
נישט אַראָפּטאַנצן...

אַחוץ דעם פּלעגט מען אויך מוזן קענען אַריבערשפּרינ-
גען איבער אַ שטאָק-הויכער וואַנט: אַ פּלי-אָן פון דערווייטנס,
אַ שטאַרקן שטויס-אָן מיטן לינקן פוס אָן דער וואַנט, אַ צי-
זיך אין דער הויך, אַ כאַפּ-אָן זיך אָן אויבערשטן ראַנד און
אַ דריי-זיך שנעל איבער אויף יענער זייט. ממש געקראָכן אויף
די גלייכע ווענט... און איטלעכער האָט עס געמוזט מאַכן!
דערפאַר האָט שוין עקסטרע געזאָרגט דער גרוזינישער לערער.
וועלכער איז געשטאַנען ביי דער „וואַנט" ווי אַ תּלין מיט אַ
רויטן אויפגערעגטן פּנים און מיט אַ שאַרפן „כליסט" אין דער
האַנט. און ווער ס'פלעגט נישט אַריבערשפּרינגען, פלעגט כאַפּן,
כלומרשט „אין שפּאַס", אַ שמיץ מיטן „כליסט"... פון דעמדאָ-
זיקן „שפּאַס" פלעגן בלייבן רויטע, גליענדיקע סמנים אויפן
לייב נישט וויי־ניקער ווי אויף אַ וואָך צייט... ס'פלעגט נאָך
גישט פאַרגיין איין סימן, פלעגט שוין אונטערקומען אַ פרישער...

איינמאָל האָט דער גרוזין געמאַכט מיט מיר אין לאַגער
אַן אַנדער „שפּאַס": מ'האָט זיך געהאַלטן גראָד אין „סטראָיען".
אַלע בעזער פון די שטיוול מוזן ווערן אויסגעגלייכט אויף איין
ליניע, ווי מיט אַ שנירל אויסגעמאָסטן, און דאַן — סמירנאָ!
שטיי גלייך ווי אַ סלופּ, קוק פאָראויס, אָן דער מינדסטער באַ-
וועגונג. „זאַמרי!"1) — דונערן בעת-מעשה די עלטסטע.

אַז כ'בין שוין געשטאַנען אַזוי ווי אַ גולם, קומט-צו צו
מיר דער גרוזין און געפינט, אַז איך שטיי אפשר אויף צוויי מי-
לימעטער אַרויסגערוקט פון פראָנט.

— אובערי בריוכא!2) – טוט ער אַ דונער און גיט מיר
דערביי כלאחר-יד אַ שטויס מיט דער האַנט אין דער מעשע-

---

1) ווער טויט-שטיל!

2) נעם צו דעם בויך!

נער „בליאַכע״ פון קאַזיאָנעם לעדערנעם פּאַס (ס׳איז דאָך אַ „קאַזיאָנע״ „בליאַכע״, האָט ער געמעגט שטויסן...).

פון דעמדאָזיקן שטילן, אָבער טיפן, שטויס איז מיר פּלוצלונג פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן און כ׳האָב זיך אַ וואַקלגעטאָן...

— סמירנאַ!! — האָט ער מיר ווילד אַריינגעדונערט און מיך דורכגעדרונגען מיט אַזעלכע חיהשע, בליציקע אויגן, אַז כ׳האָב מיט די לעצטע כחות זיך געהאַלטן אויף די פיס און געשטיקט אין זיך דעם ווייטאָק. דער ווייטאָק פון דאָזיקן „שפּאַס״ האָט שוין געדויערט לענגער ווי די סימנים נאָכן „כליסט״... אָבער ביין קלאָגן זיך? — איז די אוממעגלעכע „פּראָצעדור״ געשטאַנען ווי אַן אייזערנע וואַנט...

אין אָוונט פלעגט אין לאַגער זיין זייער לעבעדיק. פון אַלע ראָטעס טראָגט זיך אַ געזאַנג, אַ שפּילן אויף האַרמאָניקעס. לידער פון איין ראָטע טרעפן זיך מיט לידער פון אַן אַנדער ראָטע. אַ גאַנצער מיש-מאַש פון קולות, קלאַנגען, טענער. פון איין אָרט, למשל, דערגייט אַ פאַרבענקטע מעלאָדיע:

„זאַ אוראַלאָם זאַ ריעקאָי קאָזאַקי גוליאַיוט״...

און פון אַן אַנדער זייט רייסט זיך אַריין דאָס וואָולגאַרע:

„טרי דערעווני, דווא סיעלאַ״...

אַזוי איבער דער גאַנצער לענג. דער גאַנצער לאַגער איז אין אָוונט געווען איין צעשריענער און צעזונגענער שטח, און דערדאָזיקער ליאַרם האָט אָנגעפילט די לופט אַרום און אַרום און פאַרטויבט אַפילו דאָס עכאָ פון דער אויסגעשפּרייטער, לעבעדיקער שטאָט, וואָס האָט פונדערווייטנס געריצט מיט אומציילבאַ פייערלעך...

אין לאַגער האָט מען אויך געזאָרגט, מיר זאָלן ד׳האָבן „פאַרווײַלונג״. איינמאָל האָט מען אונז געפירט אין צירק אַריין ווײַזן אַקראָבאַטיק. ס׳איז געווען אַ ספּעציעלע פאָרשטעלונג אין

מיטן טאָג פאַר סאָלדאַטן און קיין ציווילער מענטש אַחוץ דער דינערשאַפט איז דאָרט נישט געווען. דער צירק איז תּיכּף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַזאַרמע...

אַן אַנדערש מאָל האָט מען אין לאַגער גופא אימפּראָוויזירט אַ קינאָ־פאָרשטעלונג אונטערן פרייען הימל. אויפן עקראַן האָט מען געוויזן בילדלעך פון מאַטראָזן־לעבן אין סעוואַסטאָפּאָלער פאָרט. אַחוץ דעם פאָרטרעטן פון צאַר און זיין פאַמיליע, די גאַנצע ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע און אַ ריי היסטאָרישע העלדן. סוואָראָווס בילד איז געבליבן שטיין אויפן עקראַן אַ לאַנגע צייט און איין אָפיציר איז אויפגעשטאַנען אויף אַ טיש און דערציילט וועגן סוואָראָווס נצחונות...

סאָלדאַטן זענען געזעסן פאַרגאַפט און געקוואָלן פון דער „פאַרוויילונג" — פון דער „גייסטיקער שפּייז"...

כ'האָב באַמערקט, אַז אַסך יונגע פון מיין יאָר זענען שוין אַריין אין דער סאָלדאַטישער פעל, האָבן איבערגענומען די אַלע ראָטע־זיטן, דעם סאָלדאַטישן „זשאַרגאָן", די באַזונדערע מאַניערן, און ס'איז זיי דער ענין מיט דער צייט גאָר געפעלן געוואָרן, בפרט איצט, ווען מ'איז שוין געוואָרן מעשה־„אַלטער סאָלדאַט". מיט וואָס פאַר אַ הנאה פלעגט עס אַזאַ איינער אונטערלויפן צום „ראָטני" אָפּגעבן דעם ראַפּאָרט, בעת ער פלעגט אַלס „דניעוואַלני" פאַרטרעטן דעם דעזשורני פון ראָטע. מיט אַן אמתן סאָלדאַטישן ווערט פלעגט ער ציען פּאַמעלעך און פייערלעך די ווערטער:

— וואשע וויסאָקאָבלאגאראָדיע, ח' דיעוויאַטאי ראָטיע...,

א. אז. וו. דעם גאַנצן שאַבלאָן־נוסח.

א קלייניקייט, דער „ראָטני" אליין פלעגט בעתן ראַפּאָרט מוזן שטיין פאר אים „פּאָד קאזיראָק"... נאָכן „נאָוואָבראַנסטוואָ"־גיהנום איז עס נישט קיין קליינער לוין...

פאַרנאַכט פלעגן אין דער סביבה פון לאגער זיך ווייזן שפּאַצירנדיקע מיידלעך: דאָס האָבן סאָלדאַטן געשלאָסן באַקאַנט־

שאפט מיט דינסט-מיידלעך פון די שכנישע גאסן און פארנאכט פלעגן זיי זיך ארויסגנבענען פון לאגער אויף א „סווידאניע" מיט דער „דאמע פון הארצן"...

די קעכינס פלעגן אגב מיטברענגען גוטע זאכן פון זייערע קיכן: קיכעלעך, פרוכט און אמאל אפילו מאכארקע אויך... (מאכארקע פלעגט זי שוין אליין קויפן פון אירע „פאנדן"...).
דער סאלדאט פלעגט מיט זיין „ליובאוניצע" פארפאלן ווערן ערגעץ אין די פעלדער און צוריק אין „פאלאטקע" פלעגט ער זיך ארייגנבענען ערשט אין מיטן נאכט...

אמאל פלעגט א סאלדאט, א דאנק זיינע „פעלד-ראמאנען", ארייינפאלן אין לאזארעט און פטור ווערן אויף לאנגע וואכן פון דער ראטע...

XVIII. כ׳זע ווידער מאַרוסיען

איינמאָל האָב איך געהאַט אַ „באַגעגעניש״:

כ׳קום אַריין פאַרנאַכט אין אַ יידיש געוועלבל אין שכנות פון לאַגער עפעס קויפן. זע איך עפעס אַ באַקאַנטלעך געזיכט פון אַ מיידל. כ׳קוק זי אָן און ווער איבערראַשט.

— אָך, מאַרוסיאַ! — רוף איך אויס.

זי שמייכלט און קוקט מיך אָן. זי דערקענט מיך ניט.

— איר דערקענט מיך נישט? — דערמאָן איך איר, — איר געדענקט?... ווינטער... אין לאַזאַרעט... אין וועשעריי...

זי האָט זיך צעלאַכט.

— דאַ, דאַ, דאַ, כ׳געדענק שוין. אידיאָמטיע! 1) — לייגט זי מיר פאָר.

כ׳בין אַרויס מיט איר פון געוועלבל. כ׳ווער אַביסל אינ־טריגירט.

כ׳קוק זי בעסער אָן און זע, אַז זי האָט זיך אינגאַנצן

1) קומט.

געענדערט. איר געזיכט איז שוין נישט אזוי פריש ווי דאמאלס. אנשטאט באטירלעכע קאלירן אין די באקן דערקען איך — פו־דער און שמינקע... און אנגעטאן גייט זי אויך עפעס שטאטישער. ס׳ווערט מיר פארדעכטיק...

— וואס טוט איר היינט? — פרעג איך זי — ארבעט איר שוין נישט דארט אין לאזארעט?

— פוי! שוין לאנג אוועקגעווארפן די שמוציקע וועש פון די קראנקע...

— טא וואס זשע טוט איר איצטער?

זי שמייכלט און שטאמלט:

— ניטשעווא... איך ארבעט.

— וואו?

— אין א פאבריק.

זי נעמט ארויס פון איר רידיקיול פאפיראסן מיט שווע־בעלעך און פארוויכערט.

— קוריש? 1) — פרעגט זי מיך פער „דו״.

— ספאסיבא! 2)

זי דערלאנגט מיר א פאפיראס און צינדט־אן מיידלש־אומ־געשיקט דריי שוועבעלעך ביז איך פארויכער.

מיין „חשד״ איז שוין ביי מיר אויס חשד — עס איז שוין ווירקלעכקייט... כ׳דערקען עס אין אלע אירע באוועגונגען, אין די בליקן פון אירע אויגן, אין איר ארויסרופנדיקן שמייכל, אין איר ביליק־גלאנציקן האר־קאם...

— וואוהין, אייגנטלעך, גייען מיר? — פרעג איך, בעת מיר זענען שוין געווען אביסל דערווייטערט פון לאגער.

— אידיאם, מילי, פאגוליאט... דאלעקא... דאלעקא...3)—

---

1) רויכערסטו?

2) א דאנק.

3) קום, ליבער, שפאצירן... ווייט... ווייט...

כאַפּט זי מיך אָן אונטערן אָרעם און בלאָזט מיר מיט אַ פּיוון דעם רויך אין פּנים אַריין...—אַ דיענעזשקי או טעפּיאַ יעסטז?...(1 —טוט זי מיך פּלוצלונג אַ פרעג און דריקט זיך צו צו מיר...

— נאָך וואָס פרעגסטו וועגן געלט?

— כ׳וויל, זאָלסט מיר קויפן אַ מתנה...

כ׳האָב איר שטום אָנגעקוקט. ווי יונג זי איז נאָך — און שוין איז זי צעטראָטן געוואָרן...

פאַרשאָלטענע שטאָט!... ווען זי וואָלט איצטער אַן אַנדערע געווען!... אַזאַ דופּטיקער יוני-אָוונט!.. אַזאַ בלויער הימל!...

— — — — — — — — — — — — —

— כ׳מוז זיך שוין אומקערן... — בלייב איך שטיין אין מיטן פעלד.

— פאַרוואָס? — קוקט זי מיך אָן פאַרחידושט.

— אַזוי... כ׳מוז זיין אויף „פּאָווערקאַ" אין ראָטע..

— טרוס! טרוס! (2 — שרייט זי מיר אַריין נישט צופרידן.

— איך מוז!

— ווי „סיעריאַק"!...

כ׳זע, זי איז שוין אויסגעבונדן מיטן קאַזאַרמע-זשאַרגאָן...

מיר גייען צוריק. מיינע פלענער, קלער איך, זענען איצט אַנדערע; נישט — אַריינפאַלן אין לאַזאַרעט, אין יענער ליבער אָפּטיילונג...

נישט ווייט פון לאַגער גיב איך איר די האַנט:

— דאָ סווידאַניאַ, מאַרוסיאַ!

— דאָ סווידאַניאַ! — האָט זי קוים אַרויסגעמורמלט ברוגז.

איך בין אַוועק אין ראָטע צו „פּאָווערקאַ" און זי — ווי-דער אַרום געוועלבל, וואו עס דרייען זיך אַרום סאָלדאַטן...

---

1) און געלט האָסטו?..

2) פּחדן! פּחדן!

XIX. איך גרייט זיך אין וועג...

די יוני-טעג זענען געקראָכן פּאַמעלעך, מיט טריט פון אַ שילדקרויט. קיין גוטע בשורה ד'האָב איך נאָך אַלץ נישט באַקומען. מיין האָפנונג, באַפרייט צו ווערן איז אינגאַנצן צע-רונען געוואָרן. ס'איז שוין געווען די העכסטע צייט...

און ליגנדיק אַ שלאָפלאָזער אויף דער נאַרע, מאַך איך ווידער אַ שטיקל חשבון מיט זיך:

העכער אַ האַלב יאָר שוין אויסגעשטראָכן פון לעבן. בלייבט נאָך איבער אויסצושטרייכן גאַנצע דריטהאַלבן יאָר! אמת, פאַר-לאָזן די היימישע ערד אויף שטענדיק, אָן צוריקקער, איז גע-נוג פיינלעך, אָבער... צו שווער! אַ צו גרויסער און לאַנגער גיהנום...

דאָס געוויסן איז ביי מיר אויך געווען גאַנץ רואיק... מילא, וועט דאָס גרויסע און ברייטע „פאָטערלאַנד" האָבן מיט איין „באַשיצער" ווייניקער, בפרט, אַז ביים דאָזיקן „פאָטערלאַנד" בין איך סיי-ווי נישט מער ווי אַ שטיפקינד — — — זאָלן שוין זיצן אין די קאַזאַרמעס „אויף קעסט" די אמתע „זין" פון

רוסלאַנד... זאָל מען זיי האָדעווען און דרעסירן אין די מיל־יאָנען פאַרן הייליקן ציל: — מלחמה... טאָמער וועט זיין אַ בלוט־פאַרגיסונג, זאָל זיין ווער עס זאָל י ע נ ע ם שעכטן און עס זאָל אויך זיין, ווער עס זאָל אַ ל ײ ן געשאָכטן ווערן — — —

ניין, מיין געוויסן איז רואיק. מען מעג מיך אויסשטרייכן פון דער מיליאָנען־צאָל... זאָל זיין מינוס איינס...

מיין באַשלוס איז געווען אַ פעסטער: איך וואַרט מער נישט...

זונטיק בין איך אַוועק אין שטאָט און אין דעם טיי־הויז, וואוהין כ׳פלעג שטענדיק אַריינקומען, האָב איך זיך פאַרטרויט פאַרן באַלעבאָס מכח מיין פּלאַן. דאָס איז געווען אַ ייד אַן אביון, אַ מטופל מיט קינדער, און כ׳האָב אים צוגעזאָגט איבערצולאָזן אַלע מיינע קאַזיאָנע מלבושים... ער האָט אין דער שטיל געבראַכט אַ שניידער, ביי וועמען כ׳האָב באַשטעלט אַ ציווילן אַנצוג מיטן אויסרייד, אַז כ׳ווער כלומרשט באַפרייט. אין טיי־הויז האָט מען מיר באַזאָרגט מיט אַלע איבעריקע נויטיקע זאַכן, — און כ׳האָב געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. אין ראָטע האָב איך דערווייל געטאָן, וואָס כ׳האָב געטאָן. אָבער אין האַרצן האָט מיר שוין געטרייסט מיין סוד...

דערווייל האָט זיך שוין אַוועקגערוקט אויך דער שבועות.

דער זומער איז שוין געווען אין מיטן ברען.

XX. איך פאַל אונטער דער משא...

איינמאָל שיקט מען מיך צוזאַמען מיט אַ גרויסער גרופּע סאָלדאַטן אויף „שוואַרצע" אַרבעט.

אויף ערגעץ אַ פעלד האָט מען געדאַרפט אויסגראָבן אַ טיפע קאַנאַווע. עס האָט געאַרבעט אַ גאַנצע מחנה סאָלדאַטן מיט רידלעך און „נאַסילקעס". עלטסטע האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום די מענטשן און צוגעטריבן: „זשיוואָ! זשיוואָ! זשיוואָ!" זיי האָבן דערמאָנט אָן די „שוטרים" און „נוגשים" פון פּרעה מלך מצרים...

אַז כ'האָב זיך שוין גענוג אָנגעאַרבעט מיטן רידל, האָט מען מיר באַפוילן צו שלעפּן מיט נאָך איינעם „נאַסילקעס" ערד אויף אַ הונדערט מעטר ווייטער. מיין פּאַרטנער איז געווען סאָלאָמענקאָ — אַ כאַכאָל פון וואָלין, גרויס ווי עוג מלך הבשן, גראָבע הענט מיט דיקע, אויסגעמאָזאָליעוועטע פינגער פון ערד-אַרבעט. פלעגט אָט דער סאָלאָמענקאָ מיט אַ כּיוון אָנלייגן אַזעלכע פולע, געשוואָלענע „נאַסילקעס", אַז כ'פלעג קוים-קוים קאָנען שטעלן אַ טריט פון שווערקייט...

— שיט נישט אַזוי פיל, — בעט איך זיך ביי אים, — ס׳וועט דיר קיינער נישט אויסכאַפּן...

אָבער יענער שיט און שיט.

— ס׳איז דאָך אוממעגלעך!

— זשיד איינער! דו עסט נישט דיזעלבע קאַפּוסטע וואָס איך?

— באַלוואַן! ביסט דאָך צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי איך!

— זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! — טוט ער אַ בריל ווי אַן אָקס און גיט עקסטראַ אַ שאָט אַ רידל ערד, אַזוי אַז ער האָט געטראָפן אויף מיר.

כ׳בין צוגעגאַנגען צום „עלטסטן" און געבעטן, ער זאָל מיר געבן אַן אַנדער פּאַרטנער.

— פאַרוואָס? — פרעגט ער.

— ווייל... ווייל מיר קאָנען נישט אויסקומען...

— וואָס טוט ער דיר?

נאָר איידער כ׳האָב באַוויזן אים צו דערקלערן, איז צוגעלאָפן סאָלאָמענקאָ און גענומען מסרן, אַז כ׳וויל נישט טראָגן די „נאָסילקעס", אַז איך רייד אים כלומרשט צו, מ׳זאָל אָנשיטן בלויז קאַפּעטשקעלעך...

— האַ? טי זשיד! כיטריש!...

— ני קאַק ניעט, גאָספּאָדין יעפרייטאָר! — וויל איך אים אויפקלערן דעם ענין.

— מאָלטשאַט, ניע ראַזגאָוואַריוואַט! — לאָזט מיך דער „עלטסטער" נישט קומען צום וואָרט, — לאָדערע וואַליאַיעש! סטופאַי!

כ׳האָב פאַרביסן מיט די ליפּן און זיך אומגעקערט צו דער „נאָסילקע". סאָלאָמענקאָ האָט שוין איצטער אָנגעשאָטן נאָך מער ווי פריער — אַזוי אַז כ׳האָב גאָרנישט געקאָנט אַ רירטאָן פון אָרט.

דער יעפרייטאָר איז צוגעלאָפן מיט אַ זידלעריי.

— ער וויל נישט טראָגן, — מעלדעט אים סאָלאָמענקאָ.
— וואָס קלערסטו דיר? — פרעגט מיך דער יעפרייטאָר מיט אַ שטרענגער מינע.
— כ׳קאָן נישט, ס׳איז צופיל.
— ביסט אַ סאָלדאַט, אָדער נישט?
— טאַק טאָטשנאָ, גאָספּאָדין יעפרייטאָר, אָבער אַזאַ משא קאָן איך נישט שלעפּן.
— ביסט קראַנק, טאָ גיי אין לאַזאַרעט. טאַשטשי, סוקין סין!
— ס׳איז אָבער פאַר מיר אוממעגלעך.
— לאַז, וועל איך פּרואוון, — גייט-צו דער יעפרייטאָר צו דער „נאָסילקע״, — טאָמער נישט, טאָ געדענק, זשיד!
ער האָט זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און אַ הויב-געטאָן. פון סאָלאָמענקאָס זייט איז געווען די „נאָסילקע״ העכער. דער יעפרייטאָר איז בשעת-מעשה גוט רויט געוואָרן... ער האָט אָבער אַראָפּגעלאָזט די „נאָסילקע״ און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו מיר:
— טאַשטשי, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ! דער רוח וועט דיך נישט נעמען!
כ׳האָב זיך געפּרואווט אָנשטרענגען מיט די לעצטע כוחות און ווי עס איז אַ הויב-אויף געטאָן. כ׳האָב געשפּירט, אַז אָט-אָט רייסט זיך עפּעס אָפּ אינעווייניק. אַ טריט אָבער שטעלן האָב איך נישט געקאָנט. די משא האָט מוראדיק געשלעפּט אַראָפּ...
— סטופּאַי! — טוט סאָלאָמענקאָ פון הינטן אַ שטויס די „נאָסילקע״ (איך בין געגאַנגען פאָראויס) און כ׳טו אַ פאַל-אום ווי אַ סנאָפּ און די גאַנצע „נאָסילקע״ מיטן באַרג ערד אויף מיר...
אַרום האָט אויסגעבראָכן אַ ווילד געלעכטער.
מ׳האָט אַראָפּגענומען פון מיר די „נאָסילקע״ און כ׳האָב זיך קוים אַרויסבאַקומען פון אונטער דער אָנגעשאָטענער ערד. אין עטלעכע ערטער אויף די פיס האָב איך געשפּירט אַ ברע-נענדיקן ווייטאָג פון אָפּגעריבענע שטיקער לייב...

מער האָב איך שוין נישט געאַרבעט. כ׳בין הינקעדיקער־הייט אַוועקגעקראָכן אָן אַ זייט און אַ וואָרף־געטאָן זיך אויפן גראָז. ווייטאָק, באַליידיקונג, פאַרדרוס האָבן זיך צענויפגעמישט אינאיינעם און ס׳האָט געברענט ווי סם... ווי קום איך גאָר אַהער צום דאָזיקן רויען המון?...

כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן מיין סוד... שוין... אָט באַלד... ס׳איז דאָך שוין נישט מער ווי אַ פראַגע פון טעג...

XXI. אַ נאַכט פון וואַלסן...

אין די לעצטע טעג פאַרן זונטיק — דעם באַשטימטן טער־מין פון מיין פאַרשווינדן — איז מיר נאָך אויסגעקומען צו גיין אויף קאַראַאול ביי אַמוניציע־מאַגאַזינען אין עק לאַגער. ס׳איז שוין געווען סוף יוני. טעג זענען געשטאַנען קלאָרע, זו־ניקע. פון איין זייט פון די אַמוניציע־מאַגאַזינען איז געווען אַן אָפענע, זומערדיקע וועלט. פעלדער און לאָנקעס, בערג און טאָלן—אַלץ אין בונטע גליענדיקע פאַרבן. אַ לייכט ווינטל האָט געבראַכט צוטראָגן אַ דינעם אַראָמאַט פון אַקאַציעס. אין ווייט־קייט ביים האָריזאָנט האָבן זיך דערפלעך געטרונקען אין זוני־קייט און גרינס. ס׳האָט געלאָקט דאָס רחבות, די פרייקייט... דאָס האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפט פון אומגעדולד: דאָנערשטיק, פרייטיק, שבת... דאַן קומט דער געבענטשטער זונטיק, דער געקרויינטער זונטיק...

אַך! אַ לאָז־טאָן זיך אויף אַ באַן דורך אַזאַ גרינעם בלי־ענדיקן רחבות — — —

צוועלף ביינאַכט. אויפן זעלבן „פּאָסט״.

אַ נאַכט אַ טונקל-בלויע. דער גאַנצער לאַגער שלאָפט שוין. אַ געמיש פון ווייטע אָפּקלאַנגען און שטילער געפּליסטער פון אומזעבאַרע פויגעלעך טראָגט זיך אין דער לופטן, ווי דורך אַ חלום. די נאַכט האָט אַלץ פאַרדעקט אין דער ווייטקייט מיט אַ טונקעלן ווייכן שלייער. מיט קילן אָטעם האָבן געדופטעט אונטער טויען די איינגעשלאָפענע אַרומיקע פעלדער.

שאַ, עס דערטראָגן זיך מוזיק-קלאַנגען. כ'גויג אָן דאָס געהער — אַ וואַלס, אַ סענטימענטאַלער וואַלס. דאָס שפּילט מען אין „אָפיצערסקאָיע סאָבראַניע", דאָ נישט ווייט אין לאַגער. אַ באַל איז דאָרט היינט ביינאַכט.

טענער בייטן זיך. אַלע ווײַלע — אַנדערע מעלאָדיעס. פריילעכע, ראַשע און אויך שטילערע, מעלאַנכאָלישע... און אַלץ וואַלסן. אַ נאַכט פון וואַלסן!

כ'דריי זיך אויס צו דער ריכטונג, פון וואַנען די מוזיק-קלאַנגען טראָגן זיך, און דערזע אינדערווייטנס די דרײַעל-באַלויכטענע פענסטער פון יענער געביידע, און דידאָזיקע פענסטער קוקן אין דער טונקלקייט ווי הפקרדיק-צעברענטע אויגן בעת אַן אָרגיע...

און איך פיל ווי דאָרטן, דאָרטן אויפן גלאַטן פאַרקעט שלענגלען זיך די עלעגאַנטע „גאַספּאָדאַ אָפיצערי" אין די שניי-ווייסע הענטשקעס מיט גראַציעזע דאַמען אין פריילעכן, רוישנדיקן און באַרוישנדיקן וואַלס — — —

און איך — אַ „ריאַדאָוואָי" — שטיי אויפן „פּאָסט" און האָב די העזה צו קלערן וועגן די דעקאָלטירטע נאַקנס און הענטלעך פון די אָפיצירישע דאַמען, וואָס איך זע זיי נאָר אין דמיון, אָבער כ'פיל אַפילו ווי ס'ברית מיך זייער שמייכל, זייער אָטעם... כ'שפּיר דעם ריטמישן טאַקט פון זייערע וואונדערבאַרע פיסלעך אויפן פאַרקעט... אָט-אַ-דאָ שפּיר איך עס, אויף מיין האַרץ, גלייך ווי דאָס האַרץ מיינס גופא וואָלט דער פאַרקעט געווען...

און אַ פערז צעבליצט זיך פלוצלונג אין זכרון, אַ פערז אַ פושקינשער:

„אָ, נאָזשקי! נאָזשקי!" — — —

ווייל אויך ער, וועמעס פערז איך דערמאָן זיך, האָט דאָך אויך אַמאָל אַן אָפיציר-מונדיר געפּראוווט טראָגן, און אויך ער, זיכער, פלעגט זיך אין אַזעלכע נעכט אין שניי-ווייסע הענטש-קעס, מיט גראַציעזע דאַמען איבערן שפּיגלדיקן פּאַרקעט שלענ-גלען...

— —

לאַנג, לאַנג בין איך אַזוי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף דער ביקס און מיינע בליקן זענען פאַרגליווערט געווען אין איין ריכטונג, אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס זענען גע-שוואומען צו מיר די וואַלסן...

נאָך דריי טעג בלויז: דאָנערשטיק, פרייטיק, שבת...

XXII. איינמאָל אַ זונטיק

און ענדלעך — זונטיק! דער „גרויסער" זונטיק!

כ'בין אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך, זיך לענגער ווי אַלע טאָג אַרומגעוואַשן און אַלץ געמאַכט אין אָרדנונג. כ'האָב דאַן אומבאַמערקט פאַר אַנדערע אַרויסגענומען אַ קליין פּעקעלע פון מיין קעסטל און פאַמעלעך פאַרלאָזט דעם לאַגער. איך האָב, גייענדיק, נישט געוואָלט אַפילו וואַרפן אַ בליק אויף צוריק...

איך האָב אויסגעקליבן דעם זונטיק-טאָג, ווייל דאַמאָלס זענען נישטאָ קיין „זאַניאַטיעס" און מיין פעלן וועט אַזוי גיך נישט באַמערקט ווערן.

ס'איז געווען זייגער אַכט אינדערפרי. די קליין-באַן פון זשיטאָמיר קיין בערדיטשעוו גייט-אָפּ פונקט עלף. זייגער 9 בין איך שוין געווען אין מיין באַקאַנטן טיי-הויז. איך בין תיכּף אַריין אין אַן אָפּגעזונדערט חדרל און זיך איבערגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס. פון דאָרט בין איך שוין אַרויס אַ ציווילער...

דער באַלעבאָס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע:

— אָט אזוי האָט איר טאָקע אַ צורת־אָדם...

איך האָב אַ קוק־געטאָן אין שפּיגל און זיך צעלאַכט: אַן אַנדער מענטש! כאַטש נעם און גיב זיך אַליין אַפּ „גוט־מאָרגן״...

כ׳בין פאַר דער צייט אסך געענדערט געוואָרן. ערשטנס, גלאַט געשוירן, צווייטנס, איז דאָס געזיכט געווען שטאַרק אָפּ־געבריענט פון די פעלד־איבונגען. דער שטערן איז געווען בלויז אויף דער העלפט אָפּגעברענט; דער אויבערשטער טייל, וואו די „פוראַשקע״ פאַרדעקט, איז געווען ווייס און אין דער העלפט שאַרף אָפּגעגרענעצט מיט אַ רויטלעכן שטריך...

כ׳האָב נאָך עקסטרע אָנגעטאָן אַ פּאָר זון־פּענסנע, כּדי לחלוטין צו פאַרטרייבן איטלעכן חשד, אַרויפגעזעצט אַ פּאַנאַמע אויפן קאָפּ און באַקומען אַן אויסזען פון אַ פראַנט.

אַ באַן־בילעט איז מיר באַזאָרגט געוואָרן אין שטוב אַריין, און פּונקט האַלב עלף האָב איך זיך וואַרעם צעזעגנט מיטן באַ־לעבאָס פון טיי־הויז, אָנגענומען פון אים אַ באַרג מיט ברכות, קיין „שלעכטע רוחות״ זאָלן מיך אויפן וועג נישט באַגעגענען — און אַריין אין אַ דראָזשקע.

— וויאָ!

איך פאָר דורך די הויפּט־גאַסן. אויף די טראָטואַרן דריי־ען זיך מיליטער־לייט, אָפיצירן, סאָלדאַטן פון מיין פּאָלק. כ׳קוק אין זייער זייט נישט אַפילו. כ׳פאָר פאַרביי אַ ראָג פון מאָס־קאָווסקאַיאַ, וואו מיין קאַזאַרמע געפינט זיך.

„אַדיע, אַדיע, קראַסאַוויטשיקי, אַרכאַנגעלאָגראָדטשיקי!״ —

איך קום אויפן וואָקזאַל — אַן ענגשאַפט, אַ געדראַנג. אַ זונטיקדיקער עולם פּאָרט עס איצט אַרויס אויף די אַרומיקע דאַטשעס. כ׳בין גראָד צופרידן פון גרויסן טאַראַראַם. מען וועט מיך נישט באַמערקן...

אין די וואַגאָנדלעך פון דער קליין־באַן איז אַזאַ שטיקע־

ביש, אַז קוים וואָס איך דערשלאָג זיך צו אַ פענסטער און שטיי־אָפּ אַזוי אַ לאַנגע צייט.

מיין מאַרשרוט איז געווען: פאָרן אַהיים, אין דער ליטע; אינדערהיים בשתיקה מאַכן אַלע נויטיקע הכנות צו דער אַט־לאַנטיק־נסיעה, און דאַן — ווי באַנג ס׳זאָל נישט זיין! — פאַרלאָזן די היים, אפשר, שוין אויף אייביק...

אָנגעקומען קיין בערדיטשעוו, ווער איך געוואויר, אַז מיין צוג גייט־אָפּ אין אַ שעה פיר אַרום. אויפן וואָקזאַל אָבער וויל איך נישט בלייבן, פאָר איך מיט דער בערדיטשעווער „קאָנקע״ אין צענטער שטאָט אריין.

נישט ווענדיק זיך וואַרפן אין די אויגן, גיי איך אריין אין ערשטן־בעסטן האָטעל. אויף די טרעפּ קומט מיר אַנטקעגן עפּעס אַ שטאַרק אָנגעשמינקטע דאַמע און פרעגט מיך, — ווי פון בוידעם אַראָפּגעפאַלן — צי כ׳וואָלט נישט געוועזן קיין בעלן מיט איר דאָ אריינצוגיין אין אַ „קאַבינעט״... איך דאַנק איר פאַר דער גרויסער „טובה״ און גיי באַלד צוריק אַראָפּ פון די טרעפּ. ווער ווייסט, אויב דאָ זענען פאַראַן אַזעלכע „קאַבי־נעטן״, קאָן דאָך דאָ אַמאָל געמאָלט זיין, אויף מיין מזל, אַן „אָבלאַווע״ אויך...

כ׳האָב אין גאַס באַמערקט אַ פשוטע יידישע אַכסניא און בין אריין אַהין. כ׳האָב געבעטן טיי מיט צובייסעכטס און גע־קוקט אויף אַן אַלטן וואַנט־זייגער, ווי לאַנג איך האָב דאָ צו זיצן. די באַלעבאָסטע — מעשה־שטן אַ ריידעוודיקע און טשע־קאַווע יידענע — נעמט מיך אויספרעגן גאַנץ היימישלעך, פונ־וואַנען און וואוהין?... כ׳גיב זיך אָן פאַר אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר...

— פרנסה איז כאָטש פאַראַן? — פרעגט זי.

— נישט צו פאַרזינדיקן, מען קומט־דורך...

— איר מוזט פסדר זיין אונטערוועגנס? איר זייט שטאַרק אָפּגעברענט...

ס׳טוט מיך אַ שטאָך אינעווייניק...

— א ברירה האָט מען... פרנסה!... — ענטפער איך און כאַפּ זיך פּאַכען מיטן הוט איבערן שטערן. — א הייסער טאָג היינט, מומעשי!

— איר קומט איצט פון זשיטאָמיר? — לאָזט זי מיך ווידער נישט אָפּ...

— יאָ... יאָ... פון זשיטאָמיר... — שטאמל איך.

— אזוי, פון זשיטאָמיר? כ׳בין טאקע א דאָרטיקע... מיט וועלכע פירמעס האנדלט איר דאָרטן? כ׳קען זשיטאָמיר אויסגעבונדן...

„אַן אומגליק — טראַכט איך — וואָס וויל פון מיר די יידענע מיט די ניין מאָס רייד?״

— כ׳האַנדל... כ׳האַנדל מיט פאַרשיידענע פירמעס... מיט מאַנופאַקטור-פירמעס...

— מיט מאַנופאַקטור? — ווערט זי גאָר פריילעך. — מיין זון האָט דאָך טאַקע אַ מאַנופאַקטור-געשעפט. איר האָט דאָך אַוודאי געהערט פון דער פירמע פייטלזאָן...

— יאָ, געוויס, געוויס, געהערט... אָבער גראָד בין איך איצט געווען פאַרדרייט מיט אַנדערע פירמעס... דאָס צווייטע מאָל, אם ירצה השם, וועל איך זיך טאַקע אַריינכאַפּן צו דער פירמע פייטלזאָן... זעט, באַלעבאָסטיטשקע, איר קאָנט מיר אפשר געבן נאָך אַ גלעזל טיי?... כ׳ברען פון דורשט!...

דאָס איז מיר איינגעפאַלן זי מטריח צו זיין מיטן טיי, אבי זי זאָל שוין איבעררייסן איר שמועס...

אַריינקומענדיק פון קיך מיטן אָנגעגאָסענעם גלאָז, זעצט זי זיך ווידער צו און גייט ווידער אַרויס מיט לשון... אָבער איצט שוין וועגן עפּעס אַנדערש. זי דערציילט מיר מיט אַ שטילערער שטים און מיט צעגויפגעצויגענע ליפּעלעך, אַז באַלד דאַרף דאָ פאָרקומען אַ „זעאונג״ פון אַ חתן מיט אַ כלה... די כלה איז טאַקע אירער אַ שכנהס אַ מיידל. און אַזוי ווי זי רעדט, עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין אַ יונגערמאַן מיט

שעמעוודיקע אויגן, מיט אַ קליין קאַפּעלושל אויפן קאָפּ. ער רעדט קוים אַרויס: „אַ גאָט העלף!"...

— דאָס איז ער טאַקע, — טוט זי מיר אַ וואונק.

זי שטייט אויף און גייט אים אַנטקעגן.

— קומט אַריין! קומט אַריין! — פירט זי אים אַריין אין אַ צווייטן חדר. נאָכדעם גייט זי איילנדיק אַרויס אויף אַ ווייל און קומט צוריק שוין נישט אַליין, נאָר מיט דער כּלה — אַ דיק מיידל, אַ פול רויטלעך פּנים, מיט אַ שאַרף אויפן קאָפּ. חתן-כּלה בלייבן אונטער פיר אויגן אין חדר און די באַלעבאָס-טע קומט צו מיר אַרויס אַ שמייכלענדיקע. זי גייט כּמעט אויף די שפּיץ-פינגער און פרעגט מיך אינדערשטיל:

— נו, ווי געפעלן זיי אייך?

— מ י ר דאַרפן זיי דאָך ביידע נישט געפעלן ווערן...

— אָבער ווי מיינט איר, ס'וועט פון דעם עפּעס זיין? פאַרשטייט איר... פּאָניע-לעבן... איך בין עס טאַקע די שדכנטע...

— אַזוי גאָר? נו, זאָל זיין מיט מזל... זאָל דער שידוך עולה-ליפה זיין...

— הלוואי, הלוואי! — הויבט זי אויף ביידע הענט אין דער הויך.

— דער חתן מוז זיין אַ ישיבה-בחור? — פרעג איך.

— יאָ, יאָ, איר קענט אים?...

— ניין, כ'פרעג סתם אַזוי.

— וואָס שייך? אַ לערנער, אַ למדן. און זי איז אויך אַ זיידן קינד! אַ בריה, אַ פּראַצאָוויטע, פירט אַליין אַ געוועלב... נישקשה, ער וועט ביי איר נישט שטאַרבן פון הונגער... ס'וועט אים ביי איר נישט פעלן פון פויגל-מילך... נו, און איר?... — נעמט זי זיך צו מיר. — איר זייט שוין אַ באַווייבטער?...

כ'זע, אַז זי גייט מיר שוין אויך ריידן אַ שידוך און כ'ראַטעווע זיך אַרויס...

— אָ שוין לאַנג...— לייג איך. — כ'האָב שוין אַפילו צוויי קינדערלעך...

— מילא,—רעזיגנירט זי, — געזונט און שטאַרק זאָלן זיי ביי אייך זיין!...

— הלוואי, רבונו של עולם!...

כ'טו אַ קוק אויפן פאַרצייטיקן וואַנט-זייגער און כ'בענטש אים אין געדאַנק, וואָס זיינע ווייזערס הייסן מיר שוין גיין צו דער באַן.

— זייט געזונט, באַלעבאָסטיטשקע... פאַרדינט אַ סך שדכנות-געלט...

— פאָרט געזונטערהייט! אַז איר וועט זיין אין זשיטאָ-מיר, גייט אַריין צו דער פירמע פייטלזאָן, למען השם...

אויפן וואָקזאַל ביי דער קאַסע שטייט אַ זשאַנדאַרם. איך גיי צו דרייסט נאָך אַ בילעט.

איך שטויס זיך אָן צוריקוועגס אָן זשאַנדאַרם...

— איזוויניאַיוס...1)

— פאַזשאַלויסטאַ! 2) — מאַכט ער מיר העפלעך אַ וועג... כ'שטייג-איין אין וואַגאָן.

אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו. —

איך פאָר!...

איצט פאָר איך שוין אויף אַן אמת. מיט אַן אמתן צוג. אַ לאַנגע, לאַנגע שטרעקע.

אַ געדריי, אַ געיעג פון פעלדער און וועלדער, פון באַט-קעס און טעלעגראַף-סלופעס.

סטאַציעס, דערפלעך, שטעט און שטעטלעך בלייבן אַהינ-טער. די רעדער שפילן אַ ראַשן, פריילעכן ניגון:

— טראַ-טאַ, טראַ-טאַ, טראַ-טאַ...

---

1) כ'אַנטשולדיקט מיך...

2) ביטע.

צוריק! צוריק!

כ׳זיץ אין קופע כסדר ביים פענסטער. קעגנאיבער מיר זיצט עפעס א יונגע דאמע אין שווארצן. א בלאס געזיכט און סובטעלע מאניערן. ס׳פארבינדט זיך א שמועס. זי רעדט צו מיר גאנץ אויפגעלעבט און — איגנארירט מיך נישט... דארט, אין יענע גאסן — א שטייגער, אויף מאסקאווסקאיא — וואלט דאך אזא דאמע אין מיין זייט נישט א בליק געטאן!...

כ׳לעבן, א שגעון געוועזן פון מיין זייט, אזוי לאנג צוווארטן. די וועלט איז דאך אזוי פריי, אזוי ברייט, אזוי אומ-ענדלעך! און אומעטום איז הימל, און אומעטום זון, און או-מעטום לעבן און פרייד...

און די רעדער שפילן אלץ זייער ראשן פריילעכן ניגון און באגלייטן מיינע רעיונות:

— טרא-טא, טרא-טא- טרא-טא...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳האט זיך אנגערוקט דער אוונט. די דאמע אין שווארצן איז ערגעץ אויף א סטאציע אראפגעשטיגן. מיט איר ווארימען האנט-דרוק ביים געזעגענען-זיך האט זי מיר אפגעגעבן א גרוס פון ל ע ב ן...

כ׳בין געבליבן איינער אליין אין קופע. די אוונט-שעהן האבן זיך גערוקט. דורך די שויבן פון וואגאן האט אריינגעקוקט א שטילע נאכט. אונטערן טאקט פון די רעדער האבן חלומות איינגעשפינט דאס הארץ און דעם מח...

פארטאג איז שוין דער צוג געפלויגן איבער דער פאלע-סינער ערד.

XXIII. אין חד־גדיא...

זייגער זעקס באַגינען דאַרף איך אויף איין גרעסערער סטאַציע איבערשטייגן פון צוג צו צוג. דער קאָנדוקטאָר זאָגט מיר בייציַיטנס אָן, כ׳זאָל נישט פאַרשלאָפן.

דער צוג שטעלט זיך אָפּ ביי אַ ווייסן וואָקזאַל.

כ׳גיי אַראָפּ. מ׳ווייזט מיר אָן אַריבערצוגיין אויף דער צווייטער זייט פון וואָקזאַל: דאָרט שטייט שוין מיין צוג — דער צוג קיין ליטע.

כ׳גיי אַריין אין וואָקזאַל — אַ פולער עולם זשאַנדאַרמען! כ׳מאַך זיך אָבער נישט באַמערקנדיק און גיי בשלום אַדורך.

אויפן צווייטן פּלאַטפאָרם אָבער וואַקסט־אויס פאַר מיר אַ הויכער גראָבער זשאַנדאַרם, וועלכער טוט מיך אַ פרעג:

— קודאַ 1)?

כ׳זאָג אים.

— אַ בילעטיק 2)?

1) וואוהין?

2) און דער בילעט?

כ׳ווייז אים.

און קוקנדיק אויף מיין בילעט, טוט ער, מיר-נישט דיר-נישט, א פרעג:

— א וואס דאָקומענט ?...

כ׳בלייב געפלעפט...

— פאזשאַלויסטא! — פאס איך מיך.

כ׳נעם כלומרשט זוכן אין בוזים-טאַש, אין דער רעכטער, אין דער לינקער...

— אָך! — רוף איך אויס, — פאַרגעסן אין האָטעל. א סקאַנדאַל!..

דער זשאַנדאַרם — קענטיק א דורכגעטריבענער יונג מיט שמייכלדיקע אויגעלעך — מעסט מיך אָפּ מיט א דורכדרינגענ-דיקן בליק פון אויבן ביז אַראָפּ און רעדט אַרויס גאַנץ געלאַסן:

— כ׳וועל אייך נישט אָפּלאָזן...

כ׳האָב געפּרואווט אויף פאַרשיידענע אופנים צו ווירקן אויף אים. כ׳האָב אים אָפּילו לסוף אויך א ווייז-געטאָן א דריי-רובל-דיקן באַנקנאָט, וואס מיר איז נאָך אין טאַש געבליבן — ניין און ניין!... אויף מיין שלימזל, א רוסישער זשאַנדאַרם — און געמט נישט אין „יד״ אַריין!...

ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט מיט זיין רואיקייט:

— כ׳וועל אייך נישט אָפּלאָזן...

כ׳בין געווען ווי צעמישט און שוין מער נישט געקאנט מאַסקירן מיין אומרואיקייט...

— האָט איר נישט קיין געווער אַמאָל? — האָט ער שוין מיט אַן אַנדער טאָן, געשעפּטלעך, א פרעג געטאָן און דערביי אָן צערעמאָניעס אַריינגעשטעקט די האַנט אין אַלע מיינע טאַשן, א טאַפּ דאָ, דאָרט.

— דוויניעם! 1) — האָט ער א זאָג-געטאָן און מיך גע-הייסן גיין פאַראויס.

1) מיר רירן, מיר גייען.

כ'בין אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ צום טויט פאַרמשפּטער נאָך זיין תּליון צו דער עקזעקוציע...

ער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער זשאַנדאַרמען-קאַנצע-לאַריע ביים וואָקזאַל.

— זייט איר נישט אַמאָל אַ דעזערטיר?... — איז באַלד געווען די ערשטע פראַגע זיינע.

כ'שטום ווי די וואַנט.

— שעמט זיך נישט, פאַר מיר דאַרפט איר ריידן ווי פאַר גאָט אַליין... נו?...

איך קווענקל און ווייס נישט ווי הויבט מען אָן...

— כ'וועל אייך דאָך סיי-ווי-סיי נישט אָפּלאָזן, טאָ צו וואָס די איבעריקע מי? זאָגט, ווער איר זייט!

— איר האָט געטראָפן...— מורמל איך אַרויס מיט אַראָפּ-געלאָזטע אויגן, גלייך ווי אַ פרוי, וואָס איז זיך מתוודה פאַרן מאַן אין איר פאַרראַט...

— אַ דעזערטיר?

— יאָ...

— אָט אַזוי, הערט מען דאָך אַ וואָרט. ביסטו דאָך אַ זעמליאַק! — גייט ער פלוצלונג איבער אויף „דו"... — זאַקו-רי, זעמליאַטשאָק!...

און ער רוקט מיר ציניש אונטער אַן אָפענעם פּאַפּיראָסן-שאַכטל.

— ניין, אַ דאַנק! — זאָג איך זיך אָפּ פון זיין „גרויס-מוטיקייט".

— פון וועלכן פּאָלק, זעמליאַק?

— פון 17-טן אַרכאַנגעלאָגאָראָדסקי...

— אַך, זעמליאַק! — רייסט ער מיך איבער — פון מיין פּאָלק! וואָס הערט זיך עפּעס אין זשיטאָמיר? שוין לאַנג דאָרט נישט געווען.

און ער הויבט מיר גאָר אָן אויסצופרעגן וועגן זייטיקע זאַכן.

— נו, — זאָגט ער צו מיר פלומרשט טרייסטנדיק, — זיי רואיק. אַ סאָלדאַט דאַרף נישט מורא האָבן פאַרן „הויפּט־וואַכט"... ניטשעווא טאַקאָווא... מיר וועלן אָקאָרשט איצט אָנ־שרייבן אַ גוטן פּראָטאָקאָל. ניעבעזפּאָקאָיסיאַ!...

ער נעמט מיך אַפילו לערנען וואָס צו טענהן אין פּאָלק:

— זאָג נישט, אַז דו ביסט אַנטלאָפן; זאָג, אַז דו ביסט געפאָרן זיך זען מיט דיין קראַנקער מוטער... פּאָניאַל?... ס'וועט נאָר הייסן „סאַמאָוואָלנאַיאַ אָטלוטשקאַ"... פּאָניאַל?... כ'וועל טאַקע אַזוי שרייבן אין מיין פּראָטאָקאָל...

— אַ דאַנק פאַר מיטגעפיל... — מורמל איך.

ער זעצט זיך שרייבן און איך זיץ אויף אַ באַנק און וואַרט.

— ווי אַזוי איז אייך איינגעפאַלן מיך צו פאַרהאַלטן? — פרעג איך אים, — זע איך דען אויס פאַרדעכטיק?

— אויף דיין מזל איז גראָד געווען אַן „אָבלאַווע". מיר זוכן עפּעס אַ רעכטן „פויגל"...

אין מיטן עפנט זיך די טיר און ס'קומט אריין אַ זשאַנ־דאַרם מיט עפּעס אַ ציוויל געקליידטן יונגנמאַן.

מיין זשאַנדאַרם מאַכט אַ הפסקה אין שרייבן, וואַרפט אַ שאַרפן בליק אויפן פרעמדן יונגנמאַן און טוט אים אַ פרעג:

— ווער זייט איר?

— אַ מענטש אָן אַ פּאַספּאָרט... — ענטפערט יענער מיט אַ געבראָכענער שטים.

— וואו איז אייער פּאַס? אין האָטעל?... — טוט ער אַ ווינק צו מיר...

— אין פאַבריק... דער אייגנטימער האָט מיך נישט גע־וואָלט אָפּלאָזן...

— שיינט מיר, — שמייכלט צו מיר מיין זשאַנדאַרם, — אַז ער וועט דיר זיין אַ חבר...

און ווענדנדיק זיך ווייטער צו יענעם, רעדט ער גע־לאַסן אַרויס:

— סקאזשי, זעמליאַק, קאַקאָווע פאָלקאַ?..

דער יונגערמאַן שטומט ווי די וואַנט.

— און וואָס פאַר אַ פעקעלע האַלטסטו אונטערן אָרעם?

דער צווייטער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט אים אַהער אַרייַנ־געפירט, ציט אַרויס דאָסדאָזיקע פעקעלע ביי יענעם פון אונ־טערן אָרעם, רייסט־פאַנאַנדער דאָס פּאַפּיר און — ס׳וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ „גימנאַסטיאָרקע" מיט שליפעס...

אַ געלעכטער.

דער יונגערמאַן שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — ווי איך פריער...

— נו, זעמליאַק? פון וועלכן פאָלק?

יענער, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט לסוף קוים אַרויסגערעדט:

— פון דער אַרטילערישער בריגאַדע... אין קיעוו...

— וואָט, וואָט, זעמליאַק! אַטליטשנאַ...1) וואַרט אַ ווייל, מיר וועלן באַלד שמועסן. זעץ זיך, אַרטילעריע, נעבן דער פיע־כאָטע... — טוט ער אים אַ ווייז אויף מיר אין דער בעסטער שטימונג.

און דער פריילעכער זשאַנדאַרם האָט גענומען ענדיקן מיין פּראָטאָקאָל.

מיין „חבר" האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן מיר אײנגאַנצן אַ פאַרלוירענער. אין די אויגן זענען אים געשטאַנען טרערן, ממש גרויסע קיילעכדיקע טרערן ווי די אַרבעס.

אַז ער איז אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער אויפגעהויבן אויף מיר די פייכטע אויגן און געפרעגט אינדערשטיל:

— איר אויך?...

— איך אויך...

— וואָס טוט מען איצט?

---

1) אויסגעצייכנט.

— ס׳איז ביטער...

— סקווערנאָ!...(1 — האָט מיין „חבר״ אזש אַ שוידער געטאָן.

אַז אונזערע ביידנס פּראָטאָקאָלן זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט מען אונז צוזאַמען אָפּגעשיקט אין רשות פון דאָרטיקן „וואָינסקי נאַטשאַלניק״ אין מיליטערישן אַרעסט.

הינטער די קראַטעס האָב איך ערשט געגומען צעגויפנעמען די צעשרויפטע געדאַנקען... און וואָס איצטער? צוריק אין פאָלק?... דערצו מיט קאַצן-מוזיק?... בררררר!...

כ׳בין געלאָפן פון וואַנט צו וואַנט ווי משוגע.

מיין „חבר״ איז אויך אומגעלאָפן הין און צוריק און געשאָטן מיט קללות סתם אין דער וועלט אַריין... פון גרויס צעשטרייטקייט, פליענדיק ווי די משוגעים, פלעגן מיר זיך אַלע ווײַלע צעבוצקען איינער אָן אַנדערן...

איך פרעג אים, פאַרוואָס ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן

— דערציילט ער מיר, אַז זיינע עלטערן, פּאָליאַקן, האָבן יאָרן־לאַנג געוואוינט אין קאַלישער גובערניע ביי דער דייטשער גרעניץ; איצט האָבן זיי זיך אַריבערגעפּעקלט אויף יענער זייט, אין דייטשלאַנד, — איז וואָס-זשע דאַרף ער זיך פּייניקן אין קאַזאַרמע און נאָכן דינען פאָרן צו זיי, אַז ער קאָן עס דאָך איצטער טאָן? סתם דינען דעם צאַר האָט ער נישט פאַרוואָס: אפשר פאַר די „טובות״, וואָס ער טוט פוילן?...

— וואָס-זשע דאַרף איך שוין ריידן?...—פרעג איך אים.

— נו, יאָ, איר דאַרפט דינען דעם צאַר פאַר די פּאָגראָמען... — ענטפערט ער מיד.

כ׳זע, ער פאַרשטייט אַן עסק, דער פּאָליאַק...

אָפּגעלעגן אַ נאַכט אויף דער פּאָדלאָגע — דאָ איז אפילו קיין נאַרע אויך נישט געווען — בין איך צוגעטרעטן צו דער

1) אַ מאוסע מעשה!

זאך: וואו קריגט מען מיליטער-מלבושים? כ׳בין צוגעגאנגען צום טיר-פענסטערל און זיך פאנאנדערגערעדט מיטן „טשאסאוואי״, וועלכער האט אונז געהיט (ווי איך אט דא נישט לאנג אין „קא-ראאול״ ביים „הויפטוואכט״...). כ׳דערצייל אים, אז מיר איז נויטיק: א „גימנאסטיארקע״ מיט שליפעס און א נומער, א „פוראזשקע״ מיט א קאקארדע און א פאר שטיוול (די הויזן, טונקעלע, קאנען בלייבן די ציווילע). דערפאר וואלט איך אוועקגעגעבן מיינע אלע ציוויל-קליידער. כ׳האב אויפגעוויזן דעם סאלדאט, אז ווען ער וויל זיין א גוטער ברודער, קאן ער דא מאכן א גוט „געשעפט״... דער „טשאסאוואי״ האט מסכים געווען און מיר צוגעזאגט, אז ווי נאר עס ענדיקן זיך זיינע צוויי שעה אויפן „פאסט״, לויפט ער תיכף אויפן „טאלקוטש״ 1).

אין עטלעכע שעה ארום איז מיר שוין געווארן אביסל לייכטער אויפן הארצן: כ׳בין ווידער אין מיליטערישע זאכן. דאס ערגסטע וואלט געווען, ווען מ׳ברענגט מיך אין פאלק אלס ציווילן „פראנט״... דער „טשאסאוואי״ איז ממש געווען גליקלעך: ער וועט שוין איצט האבן צו רויכערן און רויכערן...

צום „אביעד״ האט מען פאר אונז אריינגעברענגט גאנץ היבשע פיינע קאטלעטן און רייז מיט מילך...

— וואס איז דאס? — פרעג איך דעם סאלדאט, נישט פארשטייענדיק.

— דהיינט איז א חגא-טאג — ענטפערט ער, — מארגן וועט איר אזא עסן שוין נישט באקומען.

—כ׳גראטוליר אייך מיטן יום-טוב!... — לאך איך צו מיין „חבר״, — מיר זענען דא אריינגעפאלן אין דער ריכטיקער צייט...

— באשערט אונז א גליק...

מיר האבן געגעסן דעם באמת געשמאקן „היימישן״ מיטאג און נישט אויפגעהערט ביטער צו וויצלען זיך...

1) מארק פון אלטע בגדים.

XXIV. אונטערן קלימפער פון קייטן...

צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אונז איבערגעפירט אין טורמע-הויף, וואו מ׳האָט אונז .פאַראייניקט מיט אַ גאַנצער גרופּע אַרעסטאַנטן. צווישן דידאָזיקע אַרעסטאַנטן איז געווען איינער אין גרויע תפיסה-קליידער און מיט שווערע קייטן אויף די פיס און הענט. ביי יעדער באַוועגונג זיינער האָט עס געקלימפּערט...

מ׳האָט אונז אויסגעשטעלט צו 4 אין אַ שורה — צוזאַמען אַ מאַן 30 — און אַ גרויסע אָפּטיילונג סאָלדאַטן פון דער „עטאפּנאיא קאָמאַנדא״ האָט אונז אַרומגערינגלט מיט אַנטבלויזטע שווערדן... די שווערע תפיסה-טויערן האָבן זיך, סקריפּענדיק, געעפנט און מ׳האָט באַפוילן צו רירן.

איבער די פּראָווינציעלע גאַסן איז געוואָרן אַ באַוועגונג. אַלט און יונג, קינד און קייט האָט אונז פון די זייטן נאָכבאַגלייט. דער עיקר האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט דער אַרעסטאַנט אין קייטן. ווי אַן אַנדער אַרעסטאַנט דערציילט, שיקט מען עס אים אַוועק פאַר אַ מאָרד אויף קאַטאָרגע. כ׳האָב זיך געשעמט ווי אַ גנב און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, כדי נישט צו

טרעפן זיך מיט די בליקן פון די נייגעריקע אויף דער גאַס־מיין „חבר״ איז געגאַנגען נעבן מיר. כ׳וואַרף אויף אים פון אונטן אַרויף אַ בליק — ער ווישט זיך מיטן נאָז־טיכל די אויגן...

— וואָס איז דאָס ?... — פרעג איך אים.

— כ׳בין נאָך אין מיין לעבן מיט אַזעלכע קאַטאָרזשאַנעס נישט געגאַנגען...

— זייט נישט קיין באַבע !..

כ׳קוק זיך פאַמעלעך אַרום — אַלץ פון אונטן אַרויף... און ס׳ווערט מיר קאַלט און וואַרים: מיר זענען באמת אין אַן אויס־טערלישער געזעלשאַפט. אַן עולם „בראָדיאַגעס״, אָפגעריסענע־אָפגעשליסענע. דער טיפ „מענטשן אָן פּאַספּאָרטן״, טונקעלע פאַרשוינען, גנבים, שווינדלער, פאַרדעכטיקע „באַבעס״ אין פאַ־טשיילעס מיט באָרוויסע בלאָטיקע פיס, און בראש פון אונז אַלע־מען, אין דער ערשטער ריי — דער קאַטאָרזשניק אין קייטן. ביי יעדן טריט זיינעם האָט עס אומהיימלעך געקלימפּערט: קלים ! קלים ! קלים !...

ביזן וואָקזאַל זענען שוין די גאַסן שוואַרץ געווען. אַ נס, וואָס כ׳בין אין מיליטער־קליידער, און אַ נס, וואָס אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָט...

קוים דערלעבט צו דערזען זיך אין דעם פאַרקראַטעוועטן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן...

און ווידער געפאָרן...

די ריכטונג — אַ פאַרקערטע... פון פּאָלעסיע קיין או־קראַינע...

אַ טאָג, אַ נאַכט.

אין דער פינסטער קריכט מען איבערן בערדיטשעווער אייזנבאַן־פּלאַנט. אין מוח טוט חוזקדיק אַ בליץ: פירמע „פייטל־זאָן״... גלייך ווי דער אשמדאי אַליין וואָלט עס מיר אין די אויערן אַריינגעהילכט: „פירמע פייטלזאָן״...

אַ גרויער, רעגנדיקער באַגינען.

די קליינבאַן איז צוגעקראָכן מיט אַ שווערן סאָפּען און קרעכצן צום וואָקזאַל פון דער וואָלינער רעזידענץ. —

— זשיטאָמיר! —

אַ גס, וואָס ס׳איז נאָך געווען צו פרי און וואָס דער רעגן האָט פסדר געגאָסן: די גאַסן זענען דעריבער טאַקע געווען ליידיק, אויסגעשטאָרבן.

אונזער גאַנצע „קאָמאַנדע״ איז לכתחילה געבראַכט געוואָרן אין דער שטאָט-תפיסה. דאָרט האָט מען איינקוואַרטירט דעם עולם אַרעסטאַנטן און מיך אַליין האָט מען פון דאָרט אָפּגעשיקט צום „וואָיִנסקין״.

XXV. די קאַצן־מוזיק אין ראָטע

זייגער צען אינדערפרי פירט מיך אַ סאָלדאַט אין דער ריכטונג צום לאַגער — אין פאָלק אַריין...

איך גיי און איך שוידער... בררר... דאָס ערגסטע איז — דער ערשטער ברוך-הבא...

אָט לאָזן זיך שוין אויס די גאַסן פון שטאָט...

עס ווייזן זיך פונדערווייטנס די רייען פון די פּאַלאַטקעס...

אָט דאָרט אינמיטן איז די נײַנטע ראָטע...

בררר! קאַלט!... עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן...

מיר קומען־צו צו דער ליניע פון דער נײַנטער ראָטע.

— דעזשורני! — רופט-אויס מיין באַגלייטער.

עס לויפט פון דער זייט אַ יעפרייטאָר מיט אַ בינטל שליסלען.

דערזעענדיק מיך, בלייבט ער שטיין אַ פאַרחידושטער, טוט אַ פּאַטש אַ האַנט אָן אַ האַנט און לאַכט זיך ווילד פאַנאַנדער.

— זדראַוו, קראַסאַווטשיק! — שרייט ער אויס צו מיר לאַכנדיק.

איך ענטפער נישט־

דער דעזשורני פּליט־אָוועק אַנזאָגן אין ראַטע די „סענ־סאַציע"...

גראַד, צוליבן רעגן, זענען נישט פאָרגעקומען היינט קיין איבונגען און דער גאַנצער עולם איז געזעסן אין די פּאַלאַטקעס ביי „סלאָוועסנאָסט".

פון אַלע פּאַלאַטקעס האָבן זיך גענומען שיטן סאָלדאַטן מיך „מקבל־פּנים" זיין... ס'איז געוואָרן אַ געשריי, אַ ליאַרם:

— הוראַ! הוראַ! הוראַ!

— פּאָימאַלי 1)!...

— פּאָימאַלי!...

— ער איז דאָ, דער העכטל!

— אָט איז ער! אָט איז ער!..

צו מיר קומט־צו דער פעלדפעבל, קוקט מיך אָן איראָניש שווייגט אַ ווײַלע און שיסט־אויס:

— זדראַוו!

— זדראַוויאַ זשעלאַיו, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק... — ענטפער איך מיט אַ שטילן געבראָכענעם קול און פאַר די אויגן זע איך בעת מעשה טאַנצנדיקע קיילעכדיקע רעדער, ווי בעת אַ היץ־קרענק...

— נו? — קוקט ער ווייטער און שמייכלט. — נישט גע־לונגען, האַ?

איך שטום.

— פּאָרוואָס ענטפערסטו נישט, באַלוואַן?.. גאַוואַרי 2)!

— ניקאַק ניעט, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק! — רייד איך קוים אַרויס.

— נו, נו, מיר וועלן זיך איצטער נעמען צו דיר! —

---

1) געכאַפּט.

2) רייד.

טוט ער מיר אַ לייג זיין פינגער אויף דער סאַמע נאָז. — מיר וועלן דיך שוין אָנלערנען, מערזאַוועץ!

„אָפּגעגריסט" זיך מיטן פעלדפעבל, קומט צו צו מיר מיין „ווזוואָדני", אויך אַ לאַכעדיקער:

— זדראַוו, מאַלאָדיעץ!

— זדראַוויאַ זשעלאַיו, גאָספּאָדין אונטעראָפיציר!

— פאַרוואָס אַזוי שטיל? האָסט שוין עטלעכע טעג קיין קאַשע נישט געגעסן?... גראָמטשע 1)!

שריי איך:

— זדראַוויאַ זשעלאַיו! גאָספּאַדין אונטעראָפיציר!...

— כ'הער נישט...—וויצלט זיך דער „ווזוואָדני"—יעשטשאָ גראָמטשע 2)!

חזר איך איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און פּאָלג ווי אַ גולם אַלץ, וואָס מ'הייסט מיך...

נאָכדעם „באַגריסן" זיך מיט מיר אַלע מיינע לערער: דער גרוזין, דער קאַצאַפּ פון טולאַ און אַלע איבעריקע „עלטסטע" מיינע. יעדער איינער מיט זיין „קבלת-פּנים"... און פון אַלעמען האָב איך די בעסטע צוזאָגן, די טייערסטע הבטחות: מער ס'וועט מיך אָנלערנען ביי דער „מאַרשיראָווקע", ווער — ביי „קאָלקאַ טשו-טשעלאַ" און ווער — ביי דער „קאָבילע", ביי די „פּאַראַלעל-ברוסיעס" און ביי די „סאַלטאָ-מאָרטאַלעס" פון טורניק...

איך שטיי און דער האָגל חוזקן און וויצן שיטן זיך אויף מיר פון אַלע זייטן. דער עולם סאָלדאַטן קייכט פון געלעכטער. יעדער „עלטסטער" שטעלט מיר פראַגן און איך מוז זיי אַלעמען ענטפערן. דאָס פּנים פלאַמט שוין אויף מיר און אין הארצן שפּיר איך גלייך, ווי אַ מחנה שדים וואָלטן זיך צעטאַנצט אין מיר און מאַכן דאָרט שוואַרץ-שבת...

— — — — — — — — — — — —

1) העכער.

2) נאָך העכער!

XXVI. די שטראָף פון מיליאָנען...

דעמזעלבן טאָג נאָך בין איך שוין געזעסן הינטער די קראַ־טעס פון הויפּטוואַכט. אויף דער הייסער מינוט איז דאָס פאַר מיר געווען אַן אמת אָרט פון דערליידונג...

אין הויפּטוואַכט בין איך אָפּגעזעסן זיבן מעת־לעת און ווידער געגעסן קאַפּוסטע און די קאַלטע „פּאָרציעס" אויף העלצ־לעך. פאַר דער צייט האָב איך געהאַט צוויי באַזוכן פון אָפיצירן דורך דאָס טיר־פענסטערל: איינער אַ פּאָרוטשיק איז געקומען אַלס שליח פון דער פּאָלק־קאַנצעלאַריע אויף אַ פאַרהער. כ'האָב אים, פאַרשטייט זיך, געזאָגט די אַלע צוגעגרייטע תירוצים — מיינע אייגענע און דעם „גרויסמוטיקן" זשאַנדאַרמס... דער צוויי־טער אָפיציר איז געווען מיין „ראָטני". ער איז סתם געקומען מיך אויסמוסרן און אויסזידלען, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען זיין הייליקסטער חוב... ער האָט אויסגעשאָטן זיין גאַנצע פּאָרציע זידל־ווערטער (באָלוואַן, סוקין סין, מערזאַוועץ, פּראַכוואָסט, סוואָלאָטש און אַ היבש ביסל נישט־צענזוראַבלע...) — אויסגעשאָטן און אַוועק...

אויפן זיבעטן טאָג איז געקומען אַ שליח פון מיין ראַטע מיך אַרויסצורופן: די גאַנצע שטראָף, וואָס דער קאָמאַנדיר פון פאָלק האָט מיר געגעבן, איז — 20 מעת־לעת אונטערן ביקס, דאָס הייסט, אַז אין משך פון 20 טעג דאַרף איך, נאָך די איבונגען, שטיין יעדן טאָג צו צוויי שעה.

מנאַ, נישט געפערלעך, אַ חוזק פאַר אַ סאָלדאַט...

דאָס איז אָבער געשען אין ערשטן האַלבן חודש יולי פון יאָר טויזנט ניין הונדערט פערצען נאָך קריסטוסעס געבורט און מיין שטראָף איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע —

דידאָזיקע שטראָף איז, אמת, געווען נישט נאָר פאַר מיר — ס'איז געווען די שטראָף און די קללה פאַר מיליאָנען:

מ—אָ—ב—י—ל—י—ז—אַ—צ—יע !!!

דער אויסברוך פון דער וועלט־שרפה !...

און איך בין געווען פון די ערשטע...

וואַרשע, האַרבסט 1927

ביכער פון אברהם זאַק:

אַקאָרדן (לידער), צווייטע אויפלאַגע	פאַרלאַג מ. י. פריד,	וואַרשע
רגעם פון טרוים (טאַנקעס)	„ א. גיטלין	„
צווישן פיר ווענט (לידער)	„ מ. י. פריד	„
אונטער די פליגל פון טויט צווייטע אויפל.	„ „די צייט“	„
דריטע אויפל.	„ בנימין הארץ,	בערלין־ווין
אין שאָטן (נאָוועלן)	„ א. גיטלין,	וואַרשע
די חורבה און דער פּאַלאַץ (קינדער־מעשהלע)	„ „אַלט־יונג“	„
אַ זומער־חלום (נאָוועלן)	„ א. י. שאַפּירא	„
אונטער הײמישע הימלען (פּיעסע)	„ ח. בזשאָזאַ	„
שטאָט־קאַשמאַרן (לידער)	„ „	„
„פּאַניע גנב“ (אַ כראָניק)	„ א. גיטלין	„

איבערזעצונגען:

מצירי (פּאָעמע פון מ. יו. לערמאָנטאָוו)	פאַרלאַג „נייער פאַרלאַג“,	וואַרשע
דער פאָטער (פון א. סטרינדבערג)	„ „די צייט“	„
די חתנים (פון נ. וו. גאָגאָל)	„ „	„
דאָס רעכט אויף ליבע (פון מאַקס נאָרדוי)	„ „אונזער בוך“	„
רודין (פון א. ס. טורגעניעוו)	„ ח. בזשאָזאַ	„

I די ערשטע ליבע, II קלאַרא מיליטש, III סטוק! סטוק! סטוק!...
(פון א. ס. טורגעניעוו) פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע

פאַרלאַג בנימין האַרץ, בערלין־ווין

דערשינען:

אברהם זאַק

אונטער די פליגל פון טויט

אילוסטרירט: יעקב אַדלער (דריטע אויפלאַגע)

צו באַקומען: פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע

פֿאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע

ס'איז ארויס פֿון דרוק:

פֿולשטענדיק פּאָליטיש-עקאָנאָמיש ענציקלאָפּעדיש ווערטערבוך

צוזאַמענגעשטעלט פֿון ד"ר. מאַב

רייך אילוסטרירט

אַ פּאָליטיש-עקאָנאָמיש ענציקלאָפּעדיש ווערטערבוך אין יידיש האָט שוין לאַנג באַדאַרפֿט זיין דאָס טיש-בוך פֿון יידישן מאַסן-מענטש. פּאָליטיק איז שוין נישט מער די פּריווילעגיע פֿון די אויבערשטע צען-טויזנט. ביי היינטיקן טאָג פֿאַרנעמט דער פּראָלעטאַריאַט אַ בכבודיק אָרט אויף דער אַרענע פֿון פּאָליטישן קאַמף. אָבער ס'קומט נאָך שווער אָן דעם ייִנגן פּראָלעטאַריער דאָס אָריענטירן זיך אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון די פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס באַשעפֿטיקן די מוחות פֿון די געלערנטע און פּאַרטיי-פֿירער; דאָס איז דערפֿאַר, ווייל עס פֿעלן אים אָפֿט די נייטיקסטע ידיעות אויפֿן געביט פֿון פּאָליטיק און סאָציאָלאָגיע.

כּדי צו באַזייטיקן די שוועריקייטן, אויף וועלכע עס טרעפֿט אָן דער יידישער פּראָלעטאַריער אין זיין שטרעבונג צו פֿאַרברייטערן זיינע ידיעות אויף די וויכטיקסטע געביטן פֿון מענטשלעכן דענקען, האָט דער **פֿאַרלאַג א. גיטלין** אַרויסגעגעבן דעם פּאָליטיש-עקאָנאָמישן ווערטער-בוך, וואָס דערקלערט **קורץ** און גלייכצייטיק **קלאָר און גענוי** אַלע עקאָנאָמישע סיסטעמען, פּאָליטישע ריכטונגען, פֿאַרשידענע וועלט-אָנשויונגען; ווייזט דעם יונגן סאָציאַליסטישן קעמפֿער דעם מאַרטירער-וועג פֿון זיינע פֿאָרגענגער — די אַלע אידעאַליסטן, מאַרטירער, העלדן, גאונים, וואָס האָבן מקריב געווען זייער לעבן פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון די אונטערגעדריקטע, פֿאַר דער גאולה פֿון דער מענטשהייט.

דאָס פּאָליטיש-עקאָנאָמיש ענציקלאָפּעדיש ווערטער-בוך איז זאָרגפֿעלטיק אַרויסגעגעבן. די דערקלערונגען זענען **פּאָפּולער**, פֿאַרשטענדלעך פֿאַר אַלעמען, שיין געדרוקט, אויף אַ פֿיין פּאַפּיר, מיט די בילדער פֿון גרויסע מענ'ער. **360 זייטן.**

און כּדי צו געבן די מעגלעכקייט, אַז דאָס דאָזיקע

— פּאָליטיש-עקאָנאָמישע ווערטערבוך —

זאָל ווערן דאָס טיש-בוך פֿון יעדן יידישן לעזער, האָבן מיר באַשטימט אַ זייער צוגענגלעכן **פּרייז ס"ה 10 זל.**

דערווייל איז דערשינען דער 1-טער באַנד, נעמט אַרום די אותיות פֿון א—פּ. דער צווייטער (און לעצטער) באַנד דערשיינט אין משך פֿון 2 מאָנאַטן. פּרייז פֿאַר ביידע בענדער — 10 זלאָטעס.

פֿאַר די וואָס צאָלן איצט איין 6 זלאָטעס, באַקומען גלייך דעם 1-טן באַנד, און דעם צווייטן — ביים דערשיינען — בחנם.